ב"ה

# תשורה

משמחת הנישואין

של

## ראובן דובער וחי' לאה

שיחיו

## נפרסטק - חאַנין

ימי הסליחות

**כ"ו אלול תש"פ**

**שבעים שנה לנשיאות**

שכונת המלך • קראון הייטס

„כאן ציוה ה' את הברכה"

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

# מכתב כ״ק אדמו״ר מה״מ שליט״א להורי החתן - בקשר לחתונתם

נפרסטק- טלשבסקי- ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

493-9250

ב״ה, ב׳ אייר תשמ״ר
ברוקלין, נ.י.

האברך הוו״ח אי״א נו״נ וכו׳
מוה׳ שלמה שי׳
ובו״ג תי׳

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום י׳ סיון הבע״ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי׳ בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

ב"ה

פתח
דבר

# פתח דבר

אודה לד' על כל הטוב אשר גמלני, ובחסדו הגדול זיכני בנישואי נכדיי היקרים החתן הרב התמים **ראובן דובער** שי' והכלה המהוללה מ' חי' **לאה** תחי' בשעה טובה ומוצלחת.

התודה והברכה לבני המשפחה, ידידינו ומכירינו אשר הואילו לשמוח אתנו יחדיו, ביום שמחת לבבנו, ולברך את הזוג יחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב, וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות, ושיתקיימו בהם ברכות כ"ק אדמו"ר מה"מ.

האל הטוב הוא יתברך, יברך אתכם, בתוך כלל אחינו בני ישראל יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ובשמחתכם נשיב לכם, אי"ה, כגמולכם הטוב.

בעת חתונת כ"ק אדמו"ר מה"מ עם הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא בי"ד כסלו תרפ"ט, חילק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ תשורה "העתק מכתב כתב יד קדשו של . . . רבנו הגדול" וכתב "אשר סגולה יהי' לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר בתוכבי ידידנו אנ"ש ה' עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו".

מיוסד על הנהגה זו ולזכרון טוב, הננו בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו מקרוב ומרחוק, תשורה מיוחדת, הכולל:

לקט מכמה שיחות מוגהים בכתב יד קודש כ"ק אדמו"ר מה"מ - בפירסום ראשון:

א) עלי הגהה מב' הגהות על שיחת ליל ב' פ' תצא, ט' אלול תשח"י. השיחה נאמרה לרגל יציאתו לשליחות של הת' (אז) זוסיא פויזנער, שיצא אז בשליחות כ"ק אדמו"ר מה"מ לאה"ק. שיחה זו הוגהה בשעתו, וי"ל בקונטרס בפני עצמו ע"י מזכירות כ"ק אדמו"ר מה"מ, ואח"כ נדפסה בכ"מ.

ב) עלי הגהה מ"חלק משיחות ח', ט' וי"א תשרי ה'תשמ"ט", שי"ל בשעתו, ולאח"ז נדפסה בסה"ש תשמ"ט ח"א במקומו.

אגרות קודש:

א) מכתבים מכ"ק אדמו"ר מוהריי"ץ נ"ע למשפחות החתן והכלה.

ב) מכתב כ"ק אדמו"ר מלך המשיח אודות שחיטה והסבא רבא של הכלה.

◆ ◆ ◆

והנני מודה לד' על הזכות שנפלה בחלקי שזכיתי (במסגרת ועד להפצת שיחות) להיות מאלו שזכו להו"ל תורת כ"ק אדמו"ר מה"מ שהגיהם, וכן זכיתי להתעסק בהדפסת ספרי קה"ת על פי מינויו האישי של כ"ק אדמו"ר מה"מ, שאזכה שתתקיים בי דברי הנביא ישעי' "ולא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך . . . מעתה ועד עולם" להיות מאלו המפיצים תורת כ"ק אדמו"ר מה"מ, וכפי שזכיתי לשמוע מפי קדשו "אז ווען משיח וועט קומען וועט מען ערשט אנהויבן דרוקן".

ויהי רצון שעל ידי לימוד והפצת תורת כ"ק אדמו"ר מה"מ והליכה בדרכיו ואורחותיו אשר הורנו, נזכה בקרוב ממש, לשמחה האמיתית והשלימה בהתגלות כ"ק אדמו"ר מלך המשיח, ואז וועלן מיר זיך זעהן מיט'ן רבי'ן בפועל ממש, אמן כי יהי רצון, ושמחת עולם על ראשם.

כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות

בשמחה ובברכה
שניאור זלמן י"י חאַנין

ימי הסליחות, תש"פ
שבעים שנה לנשיאות
ברוקלין נ.י.

# שיחת ליל ב' פ' תצא, ט' אלול תש"י

שיחת ט' אלול תש"י

בס"ד, שיחת ליל ב' פ' תצא, ט' אלול, תש"י. (בקשר לנסיעת התלמיד זוסיא שי' פוזנער). לאה"ק ת"ו.

א. אין אלע ענינים בתורה איז דאָר דא דער עיקר הענין, און ס'איז דא אויך אויך ענינים וואס קומען ע"י גלגול בצירוף להעיקר.

דער עיקר הסיבה פון די התוועדות, איז צוליב דעם וואס עס פארט א שליח לאה"ק ת"ו אויף טאן אין חינוך הבנים ובפרט אין די מוסדות שנקראים על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, ובמילא הייסט עס אויך אז ס'איז בשליחותו.

ו יבאלד אז ס'איז א שליחות פון רבי'ן האט מען געדארפט יאגן זיך נאךדעם, פונדעסטו וועגן איז מצד החושך כפול ומכופל פראן אזוינע וואס אבער...,מצד דעם וואס דעם גוף ווילט זיך זיין אין א אנדער ארט, פארגעסט מען אויפן רבי'ן, מען פארגעסט אויף די שליחות, און מען גיט נאך די חומריות פון נה"ב.

סוכ"ס וועט מען נאכגעבען דעם רצון פון נה"א און טאן די שליחות וועלכע עס איז אויף אים ארופגעלייגט. אבער דער ווילע דינגט ער זיך, ער אליין, ער שטעלט צו אויך זיין טאטען אדער די בני בית, זיי זאלן אויף אים מלמד זכות זיין, ער זאל ניט דארפן פארן. איז הגם אז סוכ"ס וועט ער אפטאן דעם ענין, אבער דאס איז געמאטערהייט, אן א זריזות און אן חיות.

דער אלטער רבי' איז מבאר די מעלת העקידה — וואס די עקידה זאגט מען יעדען אינדערפרי פארן דאוונען, ד.ה. אז דאס איז א הקדמה לתפלה, וואס תפלה איז דער יסוד העבודה דכל היום — אז דער עיקר המעלה שבזה איז וואס אברהם אבינו האט עס געטאן בזריזות ובחיות בשמחה ובטוב לבב. אז כאטש מצד הטבע... איז אבער וויסענדיק אז דאס איז דעם אויבערשטינס רצון וכוונה האט ער עס געטאן בשמחה.

ובמנו"ב בנדו"ד — אויב מען טוהט עס געמאטערהייט, איז הגם אז דעם ענין האט ער טאקע אפגעטאן, אבער עס פעלט די אלע ענינים וואס מען מאנט בזכות העקידה, וואס דאס איז דאך אויך ההשפעות בגשמיות בבני חיי ומזוני רויחא.

דער אופן העשי' דארף זיין כמו עקידה. דפירוש עקידה הוא מלשון מעקד, ער איז מעקד זיין רצון אז ער ווערט אויס מציאות, ובייחד עם זה — טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב.

ב. בשעת ער דערהערט אז דאס איז א שליחות פון רבי'ן, ובמילא איז בא אים ברור, אז דאס איז זיין טובה אין רוחניות און דאס איז זיין טובה אין גשמיות, במילא טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב. און אזוי דארף ער ארויסרופן דעם הרגש א אויך צו די ווי ער פארט.

טאן דארף מען ניט צוליב די תועלת xxxx וועלכע מען וועט האבן, שלא על מנת לקבל פרס, נאר מען דארף טאן מצד דעם בקשו פני. און יעמולט איז שוין בדרך ממילא האט ער אויך הצלחה בגשמיות וברוחניות סאיי אין די ענינים הכללים סאיי בעניניו הפרטים.

ובפרט בחודש אלול, וואס ס'איז מבואר אין לקו"ת אז אלול איז מלך בשדה, וואס יעמולט קען מען אויסבעטען בא דעם מלך אלע בקשות, דאס וואס בשעת ער געפינט זיך בעיר מלכותו דארף מען האבן אויף דעם כמה וכמה xxxxx השתדלות, באלול קען מען אויסבעטען אלץ, יעמולט איז את פניך הוי' אבקש, אלע ענינים ביז די ענינים היותר פנימיים.

ג. בשעת דער אלטער רבי האט גענומען א מלמד פאר זיין זון ממלא מקומו, האט דער אלטער רבי געזאגט: דאס ערשטע לערנט מען אויף ... א.ב... וואס איז אן

ב

אלף – א פינטעלע פון אויבען, אפינטעלע פון אונטען, א קו באמצע – דאס איז אן אלף. א קינד מוז וויסען, אז דער אלף פון תורה איז דער יוד פון אויבען, דער יוד פון אונטען, מיט דעם קו פון אמונה וואס באהעפט זיי. (נאך א נוסחא איז דא: "א יוד למעלה דאס איז די נשמה, א איד למטה דאס איז דער גוף און א קו של יראת שמים באמצע" – אם צריך זה להעתיק כאן).

און דאס אלף שטייט אין א אלף כפשוטו. אין דעם אלף כפשוטו וואס מען לערנט מיט א קינד-שטייט אין דעם דער גאנצער ענין הנ"ל, מיט אלע עומקים שבהבנה והשגה וואס ס'איז דא אין דעם, וואס יעדער נשיא בדורו האט מבאר געווען דעם ענין הנקודנה למעלה והנקודה למטה וקו המחברם.

וואס דאס איז דער ענין החינוך: אז באלד ווי מען הייבט אן מחנך זיין א קינד, איז הגם דער ווילט לערנט מען מיט אים ענינים פשוטים, איז אבער אין דעם דארף מען שוין אריינשטעלן (בהעלם) די גאנצע מטרה צו וועלכע מען וויל דערגרייכן, דארף מען דאס אריינשטעלן באלד אין דער התחלה.

נאך אידער דער קינד ווייס להבחין בין טוב (זרע) לרע און מען לערנט מיט אים מערניט ווי דעם "אלף" פון תורה, (דארף מען אין דעם אריינשטעלן (אז שאמר: עס שטייט שוין אין דעם) דעם גאנצען עומק וואס ס'איז דא אין אלף, וכמבואר בתו"א, שהנקודה למעלה דאס איז דער צמצום שמצד המשפיע, וואס ער דארף אריינשטעלן דעם גאנצן ענין ההשפעה אין א נקודה, דער נאך איז דא די המשכה, און דער נאך די נקודה שמצד המקבל (דער ביטול שמצד המקבל) דער צמצום דזאס עס ווערט מצד כלי המקבל.

וכמבואר בלקו"ת אז דאס א סדר לכל עניני ההשתל'. וואס דאס איז מ"ש נוצר חסד לאלפים, נוצר חסד הוא כלל ות ההמשכה, לאלפים, דורך די אלפ'ן. שהוא סדר ההשפעה בכל המדריגות.

וזהו"ע מה שאות אלף איז די התחלת ויסוד כל האותיות, היינו אז דאס איז דער סדר בכל עניני ההשתלשלות.

און דאס אלץ שטייט, אין דעם אלף כפשוטו. און דערפאר איז אויך בשעת ער דארף לערנען ענינים פשוטים, האט ער זיך ניט וואס צושרעקן, ווילע ער פארבינדט שוין די נקודת המקבל מיטן נקודת שלמעלה, ביז צום מרחב העצמי (וואס די נקודה שלמעלה איז דער מרחב העצמי?) און דערפארבונד איז באופן כזה, אז דאס איז ניט דריי באזונדערע זאכן, נאר פון אלעמען צוזאמען ווערט איין אות.

ד. אויך דער ענין החינוך, וואס דאס איז דאך השפעה מהמשפיע להמקבל, איז דאס אויך אין סדר פון א אלף. און פונקט ווי מען רעדט למעלה אז דאס איז א סדר בכל עניני ההשתל', אזוי איז דאס אויך במשפיע ומקבל, אז דאס איז א סדר בכל מיני השפעה, סאיי אין חינוך פון א קטן סאיי אין חינוך פון א גדול. איז אלע השפעות החינוך דארפן זיין אין סדר פון אלף: דער צמצום שמצד המהנך וואס ער גיט זיך אוועק צום מחונך, דער ביטול שמצד המקבל און די אמונה (דער קו המחבר) וואס דער תלמיד דארף האבן אין רב. וכמבואר בכ"מ אז בכדי ער זאל קענען מקבל זיין מוז ער מבטל זיין את כל שכלו, ער זאל זיין מערניט ווי בבחי' מקבל, וכמבואר במ"א אז על השכל ניט טראכטן אין דער הבנה והשגה בשעת ההשפעה מערניט ווי לקבל דברי הרב, און רק לאחרי ההשפעה קען ער טראכטן אין השגת הענין.

און דאס איז אויך דער ענין וואס מען רעדט דא אז אמונה איז דער קו. וואס דאס איז א חידוש גדול. אלע מאל רעדט מען אז אמונה איז ביטול והעדר

שיחת ט' אלול תשח"י


ג

ההתפשטות, העדר ההתפשטות פון השגת המוח און העדר ההתפשטות פון הרגש המדות שבלב, און דא רעדט מען אז דאס איז-קו.

והענין, ווייל ע"י האמונה ווערט דאס דער קו המחבר דעם עומק תחת און נאר נידעריקער פארן עומק תחת מיטן עומק רום און נאך העכער פון עומק רום, נאר אין מרחב העצמי וואס דארטן איז ניט שייך גמרי קיין מעלה ומטה, וכמו לע"ל וואס יעמולט וועט דער קו מחבר זיין בידע קצוות. (דעכשיו ווערט דער קו נפסק למטה משא"כ לעתיד יגע גם בקצה התחתון, ובמילא וועט זיין אויס מעלה ומטה).

ה. דאס איז דאך די השכלה פון דעם ענין. נקודת הענין איז: אז דער שליח זאל מיסנעמען אלע ענינים בשלימות און ברייננגען דאס אהין בשלימות, און פועלן אין אז די זאלן פארן אומעטום וואו מען וועט דארפן, בזריזות בשמחה ובטוב לבב, ווארום דאס איז דאך דער רצון המשלח. און ווי געזאגט פריער; טאן דארף מען שלא ע"מ לקבל פרס, נאר בדרך ממילא איז דאך דאס טובט ואשרם האמיתי בגשמיות וברוחניות.

ו. אין דעם שיעור אין חומש וואס גייט שייך צו מאנטאג, דער ער; לא תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך כו'. (און הפסוק) לא תראה את שור אחיך או את שיו נדחים גו' השב תשיבם לאחיך.

שטייט דאך אין פסוק בדרך. דרך איז א ממוצע צווישן רשות היחיד מיט רשות הרבים. ווארום דרך אליין איז ניט קיין רה"י און ניט קיין רה"ר נאר דאס איז א ממוצע אויף מחבר זיין רה"ר מיט רה"י.

דערפאר איז אין חסידות בשעת מען רעדט ענין הקו, גיט מען אויף דעם דעם משל פון א דרך וואס דער דרך איז מחבר עיר גדול והיכל המלכות מיט עיירות קטנות ביז פינה הנדחה.

אויך גיט מען דעם משל פון א צינור, אז בשעת מען דארף אנגיסן מים הרבים וואס זיי גייען בתוקף המים אין כלים קטנים, מוז מען האבן א צינור, און דער נאך אויף פסח צינורות קטנים, וואס דורך זיי קען אנקומען אויך אין כלים היותר קטנים שבריחוק מקום.

כלים קטנים איז דער ענין פון רשות הרבים. הוקף המים איז דער ענין פון רשות היחיד, יחידו של עולם. און צינור איז דער ענין הדרך.

בשעת אז (פון צווייטן פסוק) איז מען מוסיף נאך א ענין אויסער דרך, קען דאס זיין אויף צוויי אופנים: אבער מוסיף זיין שור וחמור הנופלים ברפת, רה"י, אדער מוסיף זיין רה"ר. זאגט ער אין ספרי אז מען איז מוסיף רה"ר אבער אין רפת איז ניטא קיין חיוב הקמה.

ז. דער ענין מכל הנ"ל אין חינוך איז:

עס איז דא אזוינע וואס זיי זיינען אין דרגת בהמה. שור וחמור (ושה). ווארום עיר פרא אדם יולד. (צי שור וחמור (שה) אין קדושה, צי שור וחמור (שה) אין לעו"ז, אויף וויפל עס איז שייך לעו"ז בא א אידן.

איז בשעה מען טרעפט זיך מיט אזוינע (מען זעהט אזוינע) ליגט א חוב אויף אומקערן זיי. ווארום דאס גופא וואס מען ווייזט אים - איז א ראי' אז דאס האט א שייכות צו אים. וכמאמר הבעש"ט אז א אלץ וואס א איד זעהט און הערט איז דאס בהשגח"פ אויף אויסנוצן דאס אין עבודת האדם לקונו. דערפאר איז דויבאלד אז "הראה

הגהה ראשונה

שיחת ט׳ אלול תשח״י



ד

האט עס א שייכות צו אים.

אבן הגם ער מיינט דאן אז ער שטייט אין א העכערע מדריגה, מ״מ האט עס א שייכות צו אים. ווי דער פסוק זאגט אחיך, בהוספות לאנגער כ״ף, אז דאס איז געגעבן נאר דיין.

און בפרט אז יענער געפינט זיך בדרך, ניט אין רשות היחיד, נאך מערער — יענער געפינט זיך אין רשות הרבים, היפך רה״י יחידו של עולם, קען ער דאך טענה׳ן מה לי ולצרה הזאת, זאגט מען אים, ניין, עס ליגט אויף אים א חוב אפילו גן אלע זיינע ענינים און מקיים זיין מצות השב תשיבם.

ואדרבה, דער חיוב איז דוקא בדרך ורה״ר. אויב נופלים ברפת, וויבאלד זיי זיינען ברה״י איז ניטא חובת הקפה, וואָרום וויבאלד זיי זיינען ברה״י וועלן זיי אליין אופשטיין, דער חיוב איז בדרך, און נאך מערער ברה״ר, וואס ברה״ר ליגט נאך א גרעסערע חוב ווי אין דרך.

וואָרום ס׳איז דאך ערבים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה, מצות הקפה בדרך — דארף מען טאן בזריזות ובשמחה כנ״ל. אבער ברה״ר — דארף מען טאן מיט נאך א גרעסערן גישמאק.

ח. ובנוגע לענינינו: דאס וואס מען האט גערעדט בענין הנסיעות אויף טאן במוסדות חינוך, קען מען דאך אויסקלייבן ערטער וואס זיינען נעענטער צו אים, ערטער וואס דארטן איז דא מערער יר״ש,

זאגט מען אויף דעם, אז בשעה מען דארף פירן ערטער פון א מקום רחוק ופינה נדחה בגשמיות וברוחניות, איז ניט נאר אז דאס זאל ניט מחסר זיין די זריזות והחיות, נאר אדרבה, עס דארף נאך ארשטארקן דעם חיות, מצד די עריבות שבדברי סופרים.

וואס יעפולט איז... ומכל הן אתה שומע לאו.

ט. כמ״ש כה אמר לבית יעקב אלו הנשים כללות קבלת התורה שקדמו נשים לאנשים והגד לבני ישראל אלו האנשים. אויב ס׳איז אזוי בכל התורה, עאכ״ו בענין החינוך — וואס מען זעהט במוחש אז די אם איז אין דעם מערער נוגע ווי דער אב, כאטש אז מצות חינוך מוטל על האב ולא על האם, פונדעסטוועגן זעהט מען במוחש אז ווי די עקרת הבית שטעלט אויעק — אזוי בלייבט עס.

במילא איז כל האמור לעיל, שייך ניט נאר צו חינוך הילדים נאר אויך צו חינוך הילדות, און ניט נאר צו מורים נאר אויך — צו מורות. ואדרבה, דאס איז מיט א כ״ש וק״ו בהקדם לאנשים, מיט מערער זריזות און מיט מערער חיות.

אויב ס׳איז אזוי בכל המקומות איז עאכ״ו אין א ארט וואס מען האט שוין דורכגעבראכן דעם חושך מיטן העלם, דארף א ודאי זיין די עריבות ביתר שאת.

י. דער אויבערשטער זאל געבען, אז דער שליח זאל מען דעם ענין במילואו און ברייינגען אהיין די ענינים במילואם, איז עס וועט זיין דברים היוצאים מהלב — וועט עס זיין נכנסים אל לב השומעים, פועלן אויף די יונגע לייט זאל טאן בזריזות וחיות, אויף ברייינגען דעם דבר הוי׳ בכל מקום שנסיעתם ובפרט בהמוסדות שנקראים על שמו של כ״ק מו״ח אדמו״ר, אז עס זאלן זיין זרע ברך הוי׳, דור ישרים יבורך, סאיי די ילדים סאיי די ילדות,

וואס דאס וועט ברייינגען אויך הצלחה ניט נאר אין די מוסדות שעל סבבת הקודש נאר אויך בעניניהם הפרטיים, דזהו תו של הקב״ה איז כמה פעמים ככה, אז זיי וועלן בויען בתים בישראל און זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

הגהה ראשונה

שיחת
ט' אלול
תש"י

ה

יא. ס'איז געווען א סברא, מען זאל יעדער איינעם אנווייזן באצבע אין וועלכן ארט ער דארף פארן. אבער דער תכלית הכוונה איז דאך מען זאל פארן בחשק בשמחה ובטוב לבב כנ"ל, במילא וועט מספיק זיין וואס מען רעדט דעם ענין בכלליות, און יעדער דארף וויסן אז [illegible] מיינט דאס אדרך אים.

וויי ס'איז ידוע דער ווארט וואס כ"ק אדמו"ר הצ"צ האט געזאגט, אז אזוי ווי א קירזשנער א היטעל מאכער, מאכט היטלען פון פארשידענע מאסן, און נאכדעם אז אימצער גייט אריין אין מעסט אן די היטעל אז ס'איז מתאים, נעמט ער דאס. און דער צ"צ האט מסיים געווען: און אים מיין איך טאקע.

דאס הייסט: אויך די וואס מען איז ניט קורא בשמם, אבער בשעת זיי וועלן טראכטן אין דעם ענין באמת, ניט אריינמישן קיין אייגענע פניות וישות, וועלן זיי זעהן אז דאס איז זייער תפקיד פנימי טאן בהנ"ל, און די וואס xxxxxxx זיינען נאך דער חתונה – דארפן זיי זעהן דאס פועלן אויך אשתו כגופו דמיא –

יב. עס איז דאך חודש אלול, ימי הרצון והרחמים, און עס גייט דאך באלד צו ח"י אלול וואס דאס גיט אריין חיות בכל עבודת חודש אלול ובמילא במעבודת כל השנה. דיעט מען דאך בל"נ פארן אויפן ציון. איז די ידיעה וואס וועלן זיין ביז יעמולט פאלן שהתנדבו, וועט מען זיי דערמאנען על הציון.

עס איז דא א בריף פון ר' מענדעלע הארדאקער – און א"י צו זיינע (מקושרים חסידים) אין חו"ל, אז יעדער פון זיי איז חקוק על לוח לבו. אויך איז דאך ידוע וואס די רביים פלעגן זאגן אז די וואס פארן בשליחותם פארן ניט אליין נאר זייערע משלחים פארן מיט זיי מיט,

איז דאך זיכער אז דער רבי פארט מיט מיט אלע שיתנדבו צוטאן אין די מוסדות חינוך על טהרה הקודש, ובפרט בהמוסדות שנקראים על שמו בגילוי, וואס דער ענין פון קריאת השם איז המשכת החיות וקישור הנשמה עם הגוף (חסר כאן הלשון, ... הנשמה של הרבי וגופו של המוסד, של המחונכים)

אז עס וועט זיין – בהצלחה מופלגה סיי אין די ענינים כללים סיי ענינים הפרטים.

אבער דאס וואס מען רופט ניט אויס בשמותם איז דאס ניט מחליש דעם מינוי וואס מען איז זיי ממנה, ואדרבה, ס'איז א ענין פון שם שבהעלם, ובמילא רירט עס אן טיפער, און עס ליגט אויף זיי א גרעסערן חוב און א גרעסערע אחריות בכל הנ"ל. ובמילא אויך א גרעסערע המשכת הצלחה בכל הנ"ל. מען דארף נאר אפלייגן די אייגענע ישות. יעמולט וועט מען זעהן אז דאס איז תפקידם הפנימי.

וואס אלץ דאס איז מרומז בענין האלף, וכמבואר בתו"א, אז אין תהו איז ישות ערפאר האבן זיי ניט געקענט סובל זיין זה את זה, משא"כ בהיקון איז דער ענין אלף דער קו המחבר די נקודה שלמעלה מיט די נקודה שלמטה.

בשעה מען לייגט אוועק די ישות של הגוף, יעמולט זעהט מען פקידם, טובם ואשרם ברוחניות, טובם ואשרם בגשמיות, שלהם וכל בני ביתם.

יב. כאמור לעיל, אז מצות ה... איז בכל המקומות, ביז אויך אין רה"ר, אויך אזוי איז דער סדר החינוך, איז דאס א סדר בכל המקומות, אומעטום און אין אלע מדריגות, דארף מען (פון קינדווייז אן לערנען מיט א אידישן קינד

הגהה ראשונה


אי נקודה למטה וואס די איז כולל הכל. און בכדי לחבר מיטן מטה, איז דאס דורכן קו פון אמונה (אדער ווי דער צווייטער נוסח-דעם קו פון יראת שמים.
די התועדות איז דאך פאר די וואס וועלן פארן בכל מקום (איינפלאנצן איינקריצן) אין די תלמידים צבאות ותלמידות בכלל וביחוד אין די בתי ספר שנקראים על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, דארפן זיי וויסן אז מען דארף איינקריצן דעם "אלף" אין די קינדער, אז דאס זאל זיין מתאים לשם לרצון ולתקות פון רבי'ן, אז ער וועט קענען זאגן: ראו גדולים שגדלתי, שגדלתי-לשון יחיד, דורך מיינע שלוחים.
יג. ווי מען האט דערמאנט פריער אז ס'איז פראן דער ענין עיקרי און פראן וואס קומט ע"י גלגול.
איז די ענינים וואס מען האט געהערט פריער דארפן זיינען שייך בכל מוסד ומוסד, אז מען דארף אנהייבן מיטן אלף בית. סאיי די משפיעים סאיי די תלמידים, אז איז ניט קוקענדיק אויפן עבר און ניט קוקענדיק אויף די מעלות וואס ער האט איצטער, איז אצינד התחלת כל יום ויום איז מיט-מודה אני, וואס דאס איז דער א"ב פון עבודת האדם לקונו.
עס איז דאך אסתכל באורייתא וברא עלמא, דארף אויך זיין די התחלה מיטן אלף פון תורה, ד.ה. מען דארף וויסן, אז ס'איז דא דער יו"ד שלמעלה, דער מרחב העצמי, וואס ער איז כולל הכל, ובכדי צו מקבל זיין דאס דארף זיין דער יו"ד שלמטה, דאס איז דער ביטול וכלי ריקן של המקבל, דכלי ריקן מחזיק, וואס דאס קומט דורכן קו פון אמונה מיט יר"ש, המחברם. דעם מטה מיטן מעלה ביז עס ווערט איין זאך, עס ווערט פון אלץ צוזאמען אלף - אלופו של עולם.
עס איז דאן איצטער די התחלת זמן הלימודים, און ווי מען שמעלט דאך אוועק אזוי גייט דאס בכל הזמן. איז אין ישיבות בכלל ותו"ת בפרט, וואס פון תו"ת דארפן ארויסקומען תמימים, תמים תהי' עם הוי' אלקך, גאנץ ברמ"ח אברים שהן רמ"ח מ"ע און גאנץ בשס"ה גידים שהן מל"ת, איז די התחלת הלימוד דארף זיין מיט דעם צוגאנג פון ידיעה הנ"ל בענין אלף.
דאס איז בנוגע ענין ה לף. אויך דער ענין פון שור וחמור תועיב בדרך — איז שייך בכל המוסדות, אז בשעת ען זעהט אין זיך צי מצד דעם תלמיד א ענין פון שור וחמור, און נאך מערער אז זיי געפינען זיך אין רה"ר, איז האט ער ניט קיין תירוץ אז ס'איז ניט לפי כחו, ניט לפי כבודו, און עס ליגט אויף אים דער הוב השב תשיבם.
אויך דאס וואס ער טענהט אז ס'איז ניט לפי כחו, איז וויבאלד אז מען מאנט עס-איז ברור הדבר אז מען גיט כחות אויף דעם, מען דארף נאר וועלן, און אז ער וועט וועלן מלא זיין די שליחות וועט ער קענען.
אויך כל הנ"ל-איז דאס געזאגט געווארן סאיי התלמידים, המשפיעים, ראשי-ישיבות והברי הנהלה.
ווארום אזוי ווי אלע ענינים בתורה, אז דאס איז לשון ציורי און אויך לשון הבטחה, אזוי אויך דער השם תשיבם, איז פראן דער ציורי: דו זאלסט אומקערן, און דאן קומט דער פירוש הפנימי, אז מען איז מבטיח, דו וועסט אומקערן.
א רמז אין דעם איז אויך דאס, וואס במדינה זו איז דער הוכב הסדר ויב ס'איז געווען אמאל. אמאל איז די התחלת זמן הלימוד געווען נאך ר"ה און דא איז דער התחלה הלימוד בחודש אלול. די צייט וואס מלך בשדה, די יגמה"ר זיינען

הגהה ראשונה

שיחת
ט' אלול
תשח"י


ז

מחוץ, באופן אז יעדער איינעם קען זיי נעמען, והמלך מראה פנים שוחקות לכולם
און גיט כח אויף אויספירן תפקידים הקדושים.
דאס דאס אלץ איז שייך לתלמידי הישיבות בכלל ולתלמידי תו"ת בפרט,
וואס דער ענין פון תו"ת איז מאחד ומחבר זיין גליא מיט סתים דתורה און דורך
דעם אויך גליא וסתים ד...
וואס דאס איז אויך ... א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה למטה מעשרה
טפחים.

ט. וואס איז אויך די הוראה הסדרה: כי תצא למלחמה על אויביך, די מלחמה מיטן
אייגענעם נה"ב, די מלחמה מיט דער סביבה, און מיטן גוף ונה"ב פון זולת, איז דער
סדר אין דעם כי תצא, ניט ווארטן ביז יענער וועט קומען מלחמה האבן צו דיר,
נאר ארויסגייען צו יענעם, און ווי מען האט שוין אמאל גערעדט (שמחת בית השואבה
תשט"ז) אז בשעה דער שונא קומט אין זיין שטח, איז אפילו בשעה ער איז מנצח די
מלחמה איז לא ימלט עס זאל ניט זיין עפעס א הירוס והורבן שנגרם מצד המלחמה,
משא"כ בשעת מען גייט מיט א מלחמת תנופה לשדה האויב - כי תצא.
און יעמולט איז ושבית שביו. די שבי וואס ס'איז פארבונדן מיט דיר.
והידוע קושיות המפרשים פארוואס שטייט שביו און ניט שבי? נאר דער ענין איז
אז דאס איז נוגע צו אים.
ער זאל ניט מיינען אז ער טוהט יענעם א טובה. ובמילא - ווייל ער איז דערביי
א גוטער וועט ער טאן די טובה בשלימות און אויב ער איז ניט אויך אזוי פיל
א טוב איז מספיק אז ער וועט טאן א קלענערע טובה, זאגט מען אים, ער זאל וויסן
אז דאס איז זייער נוגע צו אים, און נאך מערער ווי צום צווייטן. דאס איז זיינע
ניצוצות וואס געפינען זיך דער ווייל אין לעו"ז און ער דארף זיי פון
דארטן ארויסנעמען. וכנ"ל בענין תראה, וויבאלד ער זעהט עס און ווייס פון דעם -
האט עס א שייכות צו אים.
און אזוי ווי געזאגט פריער - אז אויב לשון ציווי ולשון הבטחה, אזוי
אויך בענין ושבית שביו, אז בשעת ער טוהט עס בלשון ציווי, אזוי טוהט ער עס בשמחה
ובטוב לבב, יעמולט האט ער די הבטחה אז ושבית שביו.

י. עס איז דאך לפום צערא אגרא. און וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט
שוועריקייטן פון א מלחמה, און מצד דעם העלם והסתר אויף מילוי שליחותו האט ער
די אגרא, וואס ער נעמט עצמות, וכמבואר ע"פ יעשה למחכה לו למאן דדחקין במילי
דחוכמתא, אז דורכן העלם הקושיות נעמט ער עצמות.
וואס דורך דעם קומט מען צו לקיום היעוד לא ישא גוי אל גוי חרב,
עס וועט זיין שלום, און דאס וועט זיין בביאת המשיח שנק' שלום כמ"ש למרבה
המשרה ולשלום אין קץ. אבער דורך וואס קומט מען צו דעם, דורכן תצא למלחמה דוקא,
ולפום צערא אגרא, אז דורך דעם איז מען זוכה לשלום אין קץ.
וזהו ג"כ ענין שנה שהיא רשה בתחילתה מתעשרת בסופה. עס איז דאך
בעבלובן א ביסעל צייט ביז ... עיקר עבודה ר"ה איז תקיעות. מן המיצר
קראתי, און בשעת ס'איז דא דער רשה בתחילתה פאר רגעים, ווערט באלד דער
מתעשרת בסופה. דער ענני במרחב, המשכת א מרחב העצמי. וואס דאס שטייט אין דעם
יו"ד שלמעלה, און דורכן קו קומט עס אראפ אין יו"ד שלמטה.

הגהה ראשונה

שיחת ט' אלול תשח"י

ה

טז. מען האט שוין געהערט כמה פעמי בענין "ופרצת", בנוגע אין גשמיות פון דער ישיבה זעהט זיך נאך ניט וואס מען האט געטאן אין דעם. זאלן די תלמידים טאן ~~אויך דעם~~ ופרצת ברוחניות, דאס וועט מכריח זיין אויך דעם ופרצת בגשמיות. ביז מען וועט זוכה זיין צום יעלה הפורץ לפניהם. ~~(הסר קצת) והמשכה~~ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, א יאהר פון ~~ופרצה~~, א יאהר אן קיין והגבלות, סאיי אין גשמיות סאיי אין רוחניות.

אגג/ השמטה בע' ה'

און אויך דער פרט וואס מען האט געהערט, ~~בנוגע~~ אין די נסיעות גופא איז אין רה"ב דארף זיין נאך מערער עריבות ווי אין דרך, אויך דער פרט איז ~~בנוגע אויך~~ די וואס מען איז ניט קורא בשמם, און ואדרבה נאך מערער צו זיי, מצד ענין השם שבהעלם ~~בכלל~~, לבד זאת וואס עס ליגט אויף זיי ~~חרבה~~ ~~ה התעסקות בזה~~ בכלל, ליגט אויף זיי דער פון אויסקלייבן רה"ר, און א פנה נדחת כו', און זיי דארפן דאס טאן בזריזות בחיות בשמחה ובטוב לבב.

הגהה ראשונה

שיחת ט' אלול תשח"י

א

בס"ד, שיחת אור ליום ב' פ' תצא, ט' אלול תשח"י. (בקשר לנסיעת הח' ז. רסקין שי' פרעזידענט לאה"ק ת"ו)

א. דער עיקר הסיבה פון די התועדות, איז צוליב דעם וואס עס פארט אן שליח לאה"ק ת"ו אויף סאך - אליין, און איבערגעבען אויך אנדערע אז זיי זאלען טאן (אויך בתוספת המעלה וואס איז דא) באופן פון שליחות- אין חינוך עטה"ק, ובפרט אין די מוסדות שנקראים על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, ובמילא הייסט עס אויך בשליחותו פון בעל השם.

וויבאלד אז ס'איז א שליחות פון רבי'ן האט מען דאך געדארפט יאגען זיך נאך דעם, *פונדעסטוועגען איז, מצד החשך כפול ומכופל פראן אזוינע וואס, מצד דעם וואס דעם גוף ווילט זיך זיין אין אן אנדער ארט, פארגעסט מען אויפן רבי'ן, מען פארגעסט אויף די שליחות, און מען גיט נאך די חומריות פון צה"ב.

סוכ"ס וועט מען נאכגעבען דעם רצון פון נה"א און טאן די שליחות וועלכע עס איז אויף אים ארויפגעלייגט געווארען, אבער דער ווילע דינגט ער זיך, ער אליין, ער שטעלט צו אויך זיין סאסען אדער די בני בית, זיי זאלן אויף אים "מגין" זיין, ער זאל ניט דארפן פארן. איז הגם אז סוכ"ס וועט ער אפטאן דעם ענין, אבער דאס איז געמאטערטערהייט, און ניט זריזות און אן חיות.

דער אלטער רבי באגה"ק איז מבאר די מעלת העקישה - וואס די עקידה זאגט מען יעדן אינדערפריא פארן דאווענען, ד.ה. אז דאס איז א הקדמה לתפלה, וואס תפלה איז דער יסוד העבודה דכל היום - אז דער עיקר המעלה שבזה איז וואס אברהם אבינו האט עס געטאן בזריזות נפלאה ובשמחה ובחפץ. אז כאטש מצד הטבע ... איז אבער וויסענדיק אז דאס איז דעם אויבערשטענס רצון וכוונה האט ער געטאן בשמחה.

ועד"ז בנדו"ד - אויב מען טוהט עס געמאטערטערהייט, איז הגם אז דעם ענין האט ער טאקע אפגעטאן, אבער עס פעלט אין די אלע זאכען, וואס מען מאנט בזכות העקישה,-וואס דאס איז דאך בזכות הזריזות וכו' פון דער עקידה כנ"ל - וואס בכללם זיינען דאך אויך ההשפעות בבני חיי ומזוני רויחי.

דער אופן העשי' דארף זיין עקידה. דפירוש עקידה הוא מלשון עקוד, מען נעמט צו באם גוף די מעגליכקיים צו שטערן אדער אפילו נאר שוואכער מאכען. ועד"ז בנדו"ד - ער איז מעקד זיין רצון אז ער ווערט אויס מציאות, וביחד עם זה טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב.

ב. בשעת ער דערהערט אז דאס איז א שליחות פון רבי'ן, איז בא אים ברור, אז דאס איז זיין טובה אין רוחניות און דאס איז זיין טובה אין גשמיות, במילא טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב. און אזוי דארף ער ארויסרופען דעם הרגש אויך בא די וואס געפינען זיך דארט וויהין ער פארט.

טאן דארף מען ניט צוליב די תועלת וועלכע מען וועט האבען, מען דארף טאן שלא על מנת לקבל פרס, מען דארף טאן מצד דעם בקשו פני. און יעמולט האט ער בדרך ממילא, אויך הצלחה בגשמיות וברוחניות און סאיי אין די ענינים הכללים סאיי בעניניו הפרטים.

ובפרט בחודש אלול, וואס ווי ס'איז מבואר אין לקו"ת איז בחודש אלול מלך בשדה, וואס יעמולט קען מען אויסבעטן בא דעם מלך אלע בקשות, וואס בשעת ער געפינט זיך בעיר מלכותו דארף מען האבן אויף דעם כמה וכמה השתדלות. יעמולט איז את פניך ה' אבקש, און עס קומט אראפ אין אלע ענינים ביז אין די ענינים היותר פנימיים.

ג. בשעת דער אלטער רבי האט גענומען א מלמד פאר זיין זון ממלא מקומו, האט דער אלטער רבי געזאגט דעם מלמד: דאס ערשטע לערנט מען אותיות א,ב .. וואס איז אן

ב

אל"ף – א פינטעלע פון אויבען, א פינטעלע פון אונטען, א קו באמצע – דאס איז אן אל"ף. א קינד מוז וויסען אז דער אל"ף פון תורה איז דער יו"ד פון אויבען, דער יו"ד פון אונטען, מיט דעם קו פון אמונה וואס באהעפט זיי.

אין דעם אל"ף כפשוטו וואס מען לערנט מיט א קינד – שטייט אין דעם דער גאנצער ענין הנ"ל, מיט אלע עומקים שבהבנה והשגה וואס ס'איז דא אין דעם, ווי יעדער נשיא בדורו האט מבאר געווען דעם ענין הנקודה למעלה והנקודה למטה וקו המחברם.

וואס אזוי איז בכללות ענין החינוך: באלד ווי מען הייבט אן מחנך זיין א קינד, איז הגם דערווייליגע לערנט מען מיט אים ענינים פשוטים, איז אבער אויך אין דעם שוין נוגע די מטרה צו וועלכע מען וויל דערגרייכן, און מען דארף דאס אריינשטעלן (בהעלם, אין צוגעפאסטע אותיות) באלד אין דער התחלה.

נאך איידער דער קינד ווייס להבחין בין טוב לרע און מען לערנט מיט אים מער ניט ווי דעם "אל"ף" פון תורה, דארף מען אין דעם אריינשטעלן דעם גאנצען עומק וואס ס'איז דא אין אלף.

וע"פ המבואר בתו"א (נט,א) שמובן אז הנקודה למעלה דאס איז דער צמצום המשפיע, וואס ער דארף אריינשטעלן דעם גאנצען ענין ההשפעה אין א נקודה, דער נאך איז דער קו, די המשכה, און דער נאך די נקודה שלמטה דער צמצום פון דעם מקבל.

ומבואר בתו"א (סט,ג) אז דאס איז דער סדר בכל ההשתלשלות וכמ"ש נוצר חסד לאלפים.

ויש לומר בדרך אפשר שזהו"ע מה שאות אל"ף איז די התחלת כל האותיות (אל' אתא בוקר, המשכה) היינו אז דאס איז דער אופן פון כל עניני השתלשלות.

און דאס אלץ שטייט אין דעם אל"ף כפשוטו.

ד. אויך דער ענין החינוך, וואס דאס איז דאך השפעה מהרב לתלמיד, איז דאס אויך אין סדר פון א אל"ף. ווי מען האט גערעדט אז דאס איז א סדר בכל עניני השתלשלות, סאיי אין חינוך פון א קטן סאיי אין חינוך פון א גדול. אלע דרגות החינוך דארפן זיין אין א אופן פון אל"ף: דער צמצום המחנך, וואס ער גיט זיך אוועק צום מחונך, דער ביטול המקבל, און די אמונה (דער קו המחבר) וואס דער תלמיד דארף האבן אין רב. וכמבואר בכ"מ אז בכדי ער זאל קענען מקבל זיין מוז ער מבטל זיין את כל שכלו, ער זאל זיין מער ניט ווי מקבל, וכמבואר במ"א אז בשעת הקבלה דארף דער מקבל ניט טראכטן אפילו ניט אין דער הבנה והשגה, מערניט ווי לקבל דברי הרב ווי זיי זיינען. און נאר לאחרי ההשפעה טראכט ער אין השגת הענין.

און דערפאר איז אויך בשעת ער לערנט מיטן קינד ענינים פשוטים, האט ער זיך ניט וואס צו שרעקן, ווײַלע ער פארבינדט שוין די נקודת המקבל מיט דער נקודה שלמעלה, ביז צום דעם מרחב העצמי און דער פארבונד איז באופן כזה, אז דאס איז ניט דריי באזונדערע זאכן, נאר פון אלעמען צוזאמען וועטט אײַן אות.

ה. דאס איז פון דער השכלה פון דעם ענין. נקודת הענין איז:

דער שליח זאל מיטנעמען אלע ענינים בשלימות און ברענגען דאס אהין בשלימות, און פועל'ן אין די אלע צו וועמען ער ווערט געשיקט – אז זיי זאלן פארן אומעטום וואו מען וועט דארפן, בזריזות בשמחה ובטוב לבב, ווארום דאס איז דאך דער רצון המשלח. און ווי געזאגט פריער: טאן דארף מען שלא ע"מ לקבל פרס, נאר בדרך ממילא איז דאס טובם ואשרם האמיתי בגשמיות וברוחניות.

ו. אין היינטיגען (מאנטיג) שיעור חומש זאגט ער: לא תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת מהם הקם תקים עמו.

דרך איז א ממוצע צווישן רשות היחיד און רשות הרבים.

– דערפאר איז אין חסידות (ביאוה"ז ר"פ וישלח ועוד) בשעת מען איז מבאר ענין הקו, גיט מען אויף דעם משל פון א דרך, וואס איז מחבר עיר הגדולה והיכל המלכות מיט עיירות קטנות ביז צו א פינה הנדחה.

אויך דעם משל פון א צינור, אז בשעת מען דארף אנגיסן מים מן הנהר הגדול וואס זיי גייען בתוקף גדול, אין כלים קטנים, מוז מען האבן א צינור, וואס טיילט

הגהה שני׳

שיחת
ט' אלול
תש"י

ג

זיך דער נאך אויף צינורות קטנים, וואס דורך זיי קען אנקומען די וואסער ביז אין כלים היותר קטנים שבריחוק מקום ביותר.

בשעת אז מען וויל מוסיף זיין נאך א ענין אויסער דרך, קען דאס זיין אויף צוויי אופנים: מוסיף זיין שור וחמור הנופלים ברפת, רה"י, אדער מוסיף זיין הנופלים ברה"ר. זאגט ער אין ספרי אז מען איז מוסיף רה"ר, אבער אין רפת איז ניטא קיין חיוב הקמה.

ז. דער ענין מכל הנ"ל אין חינוך: קודם החינוך איז דאך עיר פרא אדם יולד. עס איז דא אזוינע וואס זיי זיינען כבהמה, צי שור – בהמה דקדושה, צי חמור – בהמה דלעו"ז, אויף וויפל עס איז שייך לעו"ז בא א אידן.

איז בשעת מען זעהט דעם חמור אדער דעם שור נופלים (ממדריגתם, אראפגעפאלען אויף די משא וואס זיי דארפן טראגען) בדרך, איז הקם תקים עמו.

דאס גופא וואס תראה – מען ווייזט אים – איז א ראי' אז דאס האט א שייכות צו אים. וכמאמר הבעש"ט אז אלץ וואס א איד זעהט און הערט איז דאס בהשגחה פרטית אויף אויסנוצן דאס אין עבודת האדם לקונו.

הגם ער מיינט אז ער שטייט אין א העכערער מדריגה, און אפשר שטייט ער טאקע אין א גאר גרויסער מדריגה, מ"מ האט עס א שייכות צו אים. ווי דער פסוק זאגט אחיך, בתוספות לאנגער כ"ף, דאס איז דיין ברודער.

זעענדיק ווי יענער געפינט זיך בדרך, ניט אין רשות היחיד, נאך מערער – אפילו אויב יענער געפינט זיך אין רשות הרבים, היפך רה"י יחידו של עולם, קען ער דאך טענה'ן מה לי ולצרה הזאת, זאגט מען אים, ניין, עס ליגט אויף אים א חוב אפלייגן זיינע ענינים און מקיים זיין מצות הקם תקים.

ואדרבה, דער חיוב איז דוקא בדרך ורה"ר, אויב נופלים ברפת, וויבאלד זיי זיינען ברה"י איז ניטא חובת הקמה, זיי וועלן אליין אופשטיין, דער חיוב איז בדרך, און נאך מערער ברה"ר.

ווארום ס'איז דאך חומר בדברי סופרים מבדברי תורה.

מצות הקמה בדרך – דארף מען טאן בזריזות ובשמחה כנ"ל. אבער ברה"ר – דארף מען טאן מיט נאך א גרעסערן גישמאק.

ח. ובנוגע לעניניננו: דאס וואס מען האט גערעדט בענין הנסיעות אויף טאן במוסדות חינוך, קען מען דאך וועלן שטעלן א תנאי און אויסקלייבן בדוקא ערטער וואס זיינען נעענטער צו אים, ערטער וואס דארטן איז דא מערער יר"ש,

זאגט מען אויף דעם, אז בשעת מען קען אויפטאן אין א מקום רחוק ופינה נדחת, בגשמיות וברוחניות, איז ניט נאר בפשיטות אז הקם תקים, ניט נאר בפשיטות אז דאס טאר ניט מחסר זיין אין דער זריזות ושמחה, נאר נאך מער – עס דארף נאך פארשטארקן דעם חיות די זריזות ושמחה. ווארום ערבים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה.

ט. בכללות התורה איז קדמו נשים לאנשים, כמש"נ כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים ותגיד לבני ישראל אלו האנשים. אויב ס'איז אזוי בכל התורה, עאכו"כ בענין החינוך – וואס מען זעהט במוחש, אז די מוטער איז אין דעם מערער נוגע ווי דער פאטער. כאטש אז מצות חינוך מוטל על האב ולא על האם, פונדעסטוועגן זעהט מען במוחש אז ווי די עקרת הבית שטעלט אוועק – אזוי איז עס.

במילא איז כל האמור לעיל, שייך ניט נאר בענין חינוך הילדים נאר אויך צו חינוך הילדות, און ניט נאר בהנוגע צו מורים, נאר אויך – צו מורות. ואדרבה, בא זיי איז דאס בהקדם לאנשים, מיט מערער זריזות און מיט מערער חיות.

י. דער אויבערשטער זאל מצליח זיין, אז דער שליח זאל נעמען די ענייני השליחות במילואם און ברייננגען די ענינים אהין – לאה"ק ת"ו – במילואם, במילא וועט עס זיין דברים היוצאים מהלב ונכנסים אל לב השומעים, פועל'ן אויף די יונגע לייט, אויף די מורים ומורות – אז יעדערער און יעדערע פון זיי זאל טאן בזריזות וחיות ושמחה אויף ברייננגען דעם דבר הוי' בכל מקום וואו מען וועט זיי באשטימען, ובפרט אין די מוסדות חינוך וואס ווערן גערופען על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז די תלמידים און די תלמידות זאלן זיין זרע ברך הוי', דור ישרים יבורך,

וואס דאס וועט ברייננגען הצלחה מופלגה אויך בעניניהם הפרטיים, ובמדתו

הגהה שני'

שיחת
ט׳ אלול
תשח״י

של הקב"ה וואס די איז כמה פעמים ככה, ויעש להם בתים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות.

יא. ס'איז בעווען א סברא, מען זאל יעדער איינעם אנווייזן באצבע און אויך זאגען אין וועלכן ארט ער דארף פארען. אבער דער תכלית הכוונה איז דאך מען זאל פארען בחפץ בשמחה ובטוב לבב כנ"ל, במילא וועט מספיק זיין אויב מען וועט רעדן דעם ענין אפילו נאר בכללות, און יעדער –המתאים באמת– דארף וויסן אז דאס מיינט מען אים.

ווי ס'איז יהלו דער ווארט וואס כ"ק אדמו"ר הצ"צ האט געזאגט, אז אזוי ווי א קירזשנער – א היטעל מאכער, מאכט היטלען פון פארשידענע מאסן, און נאכדעם אז אימעצער גייט אריין און מעסט אן די היטעל אז ס'איז מתאים די מאס, טוט ער איר אן אזוי איז בא עם (בהנוגע לאמירתו דברי התעוררות וכיו"ב). און דער צ"צ האט מסיים געווען: און אים מיין איך טאקע.

דאס הייסט: אויך די וואס מען איז ניט קורא בשמם, אבער בשעת זיי וועלן אריינטראכטען אין דעם ענין באמת, ניט אריינמישן קיין אייגענע פניות וישות, וועלן זיי זעהן אז דאס איז זייער תפקיד פנימי־טאן בהנ"ל (און די וואס זיינען נאך דער חתונה – דארפן זיי זעהן דאס פועל'ן אויך בא אשתו, ווייל כגופו דמיא)– איז זיי מיינט מען טאקע.

דאס וואס מען רופט ניט אויס בשמותם איז דאס ניט מחליש דעם מינוי וואס מען איז זיי ממנה, ואדרבה, ס'איז א ענין פון שם שבהעלם (ע"ד שם שנכתב, שם שנקרא), ובמילא רירט עס אן טיפער, און עס גיט טיפערע כוחות א גרעסערען זכות און א גרעסערע אחריות בכל הנ"ל. ובמילא אויך א גרעסערע המשכת הצלחה בכל הנ"ל.

און אויך דער פרט וואס מען האט גערעדט, אז אין די נסיעות גופא איז אין רה"ר דארף זיין נאך מערער עריבות ווי אין דרך, אויך דער פרט איז בא די וואס מען איז ניט קורא בשמם, און ואדרבה–נאך מערער צו זיי, מצד ענין השם שבהעלם, וואס איז נעענטער צו עריבות ווי שם שבגלוי. לבד זאת וואס עס ליגט אויף זיי דער ענין בכלל, ליגט אויף זיי דער פרט פון אויסקלייבן רה"ר, און א פנה נדחת כו' ביחוד, און זיי דארפן דאס טאן בחיות בזריזות בשמחה ובטוב לבב.

וואס דאס אלץ איז אויך מרומז בענין האל"ף –התחלת הלימוד– וכמבואר בתו"א (סה,ד) אז אין תהו איז הרגשת הגוף תוקף הרגשת עצמותו – היפך ההתכללות, משא"כ בתיקון חלישות הגוף הרגשת עצמותו – איז אלפי"ן – יו"ד לעילא יו"ד לתתא וי"ו באמצעיתא דער קו המחבר אותם.

בשעת מען לייגט אוועק די ישות הגוף, יעמולט דעם מען תפקידם, טובם ואשרם ברוחניות, טובם ואשרם בגשמיות, שלהם ושל בני ביתם.

יב. עס איז דאך חודש אלול, ימי הרצון והרחמים, און עס גייט דאך באלד צו ח"י אלול וואס דאס גיט אריין חיות בכל עבודות חודש אלול און דורך דעם אויך בעבודות כל השנה. און די ידיעות וואס וועלן זיין ביז יעמולט ודעבעקוט אלע xxxxxxxxxxxxxx שהתנדבו לענין האמור, וועט מען זיי דערמאנען בל"נ על הציון אין דעם לעבעדיגען טאג – אז עס זאל זיין, און וועט זיין בהצלחה מופלגה, סיי אין די ענינים כללים סיי אין די ענינים הפרטים.

כאמור לעיל, אז מצות הקמה אין (בעניניגו – חינוך על טהרת הקודש) איז בכל המקומות, ביז אויך אין רה"ר, אזוי אויך איז דער סדר החינוך –אנהייבען אל"ף כנ"ל– איז דאס א סדר בכל המקומות, אומעטום און אין אלע מדריגות, דארף מען לערנען מיט א אידישען קינד פון קינדווייז אן

הגהה שני׳

שיחת ט' אלול תשח"י

ה

און אלס יסוד פון זיין גאנצען חינוך און זיין גאנצען לעבען - אז א איד (דער יו"ד, די נקודה) למטה פארבינדט זיך - ביז ער ווערט פאראייניגט - מיט דעם יו"ד (ר"ת און עיקר פון שם הוי') דלמעלה דורך דעם קו פון אמונה (אדער, ווי דער צווייטער נוסח, דעם קו פון יראת שמים).

די וואס פארן ביז אין ווייטע ערטער אויף עוסק זיין זיך דארט אין חינוך עטה"ק וביחוד אין בתי ספר שנקראים על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, דארפן וויסן אז מען דארף איינקריצן דעם "אל"ף" אין די קינדער - אין די תלמידים און אין די תלמידות- עס זאל מתאים זיין לתקות ולכוונה פון רבי'ן, אז ער וועט קענען זאגן : ראו גדולים שגדלתי, שגדלתי - לשון יחיד, דורך מיינע שלוחים.

יג. ס'איז פראן דער ענין עיקרי און פראן וואס קומט ע"י גלגול. אזוי אויך בסיבת ההתועדות. דער ענין עיקרי: אז יונגע לייט באה"ק ת"ו, זאלען פארען -בשליחות- טאן בחינוך עטה"ק וביחוד אין די מוסדות אהלי יוסף יצחק ובזריזות ובשמחה.

דער ענין - אויך עיקרי- אבער בא ע"י גלגול: די ענינים וואס מען האט גערעדט פריער-זיינען שייך בכל מוסד של חינוך עטה"ק. אין יעדן מוסד דארף מען אנהייבן מיטן אל"ף בי"ת. סאיי די משפיעים סאיי די תלמידים. ניט קוקענדיק אויפן עבר און ניט קוקענדיק אויף די מעלות וואס מען האט דערגרייכט, איז התחלת כל יום ויום מיט-מודה אני, וואס דאס איז דער א"ב פון עבודת האדם בעולמו - לשמש את קונו.

עס איז דאך אסתכל באורייתא וברא עלמא, דארף זיין די התחלה מיטן אל"ף פון תורה, ד.ה. מען דארף וויסן, אז ס'איז דא דער יו"ד שלמעלה, דער מרחב העצמי פון עצמות, וואס ער איז כולל הכל, ובכדי צו מקבל זיין דאס דארף זיין דער יו"ד שלמטה, דער וכלי ריקן של המקבל, דכלי ריקן מחזיק, און דאס קומט דורכן קו פון אמונה, קו פון ירא"ש, המחבר. מחבר דעם מטה מיט מעלה ביז עס ווערט איין זאך, איין אות עס ווערט פון אלץ צוזאמען אל"ף - אלופו של עולם.

עס איז איצטער התחלת זמן הלימודים, און ווי מען שטעלט אוועק אזוי גיים דאס. איז אין ישיבות בכלל וישיבות תו"ת בפרט, וואס פון תו"ת דארפן ארויסקומען תמימים, תמים תהי' עם הוי' אלקיך, גאנץ ברמ"ח אברים שהם רמ"ח מ"ע און גאנץ בשס"ה גידים שהם שס"ה מל"ת (לקו"ת נצבים מה,ג) , איז די התחלת הלימוד דארף זיין מיט דעם צוגאנג פון ידיעה והכרה הנ"ל בענין אל"ף .

יד. אויך דער ענין פון שור וחמור נופלים בדרך - איז שייך אין די מוסדות חינוך וישיבות עצמם. בשעת מען זעהט אין דעם תלמיד א ענין פון שור וחמור, און נאך מערער אז זיי געפינען זיך אין רה"ך, איז ניט שייך קיין תירוץ-ניט מצד דעם משפיע, ניט מצד דעם ראש ישיבה ומתיבתא, ניט מצד דער הנהלה-אז ס'איז ניט לפי כבודם, מען האט קיין צייט ניט וכו'. ועד"ז - אז פון די אויסגערעכענטע זעהן דאס אין זיך, איז ניטא קיין ארט אף והתעלמת אדער טענה המדומה - אז עס איז ניט לפי כחו. עס מוז זיין דער הקם תקים.

וואס דער ציווי מיט אלע פרטים וענינים/ הנ"ל - איז געזאגט געווארן לכאו"א התלמידים, המשפיעים, מהראשי - ישיבות ומחברי ההנהלה, אלס יחידים און אלס א כלל (התלמידים בכללם) - ביז צו כללות ההנהלה.

און וויבאלד אז מען מאנט עס - איז ברור הדבר אז מען גיט כחות אויף דעם. און אז ער וועט באמת וועלן ממלא זיין דעם ציווי - וועט ער קענען.

ווארום אזוי ווי אלע מצות שבתורה זיינען געזאגט בלשון וואס האט צוויי פירושים: ציווי און הבטחה, אזוי אויך דער הקם תקים. בשעת עס דערהערט זיך דער ציווי : דו זאלסט אויפשטעלן, דאן קומט דער פירוש הפנימי, מען איז מבטיח, דו וועסט אויפשטעלן.

טו. א חידוק אין דעם איז אויך דאס, וואס במדינה זו איז דער סדר, אז די התחלת זמן הלימוד איז בחודש אלול. די צייט וואס המלך בשדה, די יגמה"ר זיינען בהתגלות, באופן אז יעדען איינעם איז המלך מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם (לקו"ת ראה לב,ב) - וואס דאס גיט כח יעדען אויף אויספירן וואס עס מאנט זיך פון עם.

דאס אלץ איז שייך לתלמידי ישיבות בכלל ולתלמידי תו"ת ביחוד, ווארום

הגהה שני'

דער ענין פון תר"ת איז דאך מאחד ומחבר דיין גליא מיט סתים דתורה און דורך דעם אויך גליא וסתים דנשמה מיטן גליא וסתים דקוב"ה – ביז מען קומט צו צום מילוי הבקשות: בקשו פני און את פניך ה' אבקש.

און דאס איז דערנאך ממשיך פון פנימיות ועצם הטוב – א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, למטה מעשרה טפחים, בטוב הנראה והנגלה.

טו. ועל דרך זה איז אויך מרמזי הסדרה : כי תצא למלחמה על אויביך, די מלחמה מיטן אייגענעם נה"ב, די מלחמה מיט דער סביבה, מיטן גוף ונה"ב פון זולת, איז דער סדר אין דעם כי תצא, ניט ווארטן ביז יענער וועט קומען מלחמה האבן צו דיר, נאר ארויסגיין צו יענעם, און ווי מען האט שוין אמאל גערעדט (שמחת בית השואבה תשט"ז) אז אויב דער אויב קומט אין זיין שטח, איז אפילו ווען ער איז מנצח די מלחמה איז לא ימלט עס זאל ניט זיין עפעס א הירוס וחורבן שנגרם מצד המלחמה, משא"כ –כי תצא– בשעת מען גייט מיט א מלחמת תנופה לשטח האויב.

און יעמולט איז ושבית שביו. אלע די שבי וואס ס'איז געווען געפאנגען בא אויבך, בא דיין אויב, – שבי וואס איז פארבונדן מיט דיר.

ער זאל ניט מיינען אז ער טוהט יענעם א טובה. ובמילא איז וויפיל ער וועט ניט טאן – איז מספיק. זאגט מען אים, ער זאל וויסן אז דאס שביו – דאס איז נוגע אים, און נאך מערער ווי צום צווייטן. דאס איז זיינע ניצוצות וואס געפינען זיך אין לעו"ז און ער דארף זיי פון דארטן ארויסנעמען. וכנ"ל בענין כי תראה, וויבאלד ער זעהט עס און ווייס פון דעם – האט עס א שייכות צו אים.

און אזוי ווי געזאגט פריער – איז די פרשה בלשון ציווי ובלשון הבטחה. בשעת ער דערהערט דעם ציווי, וואס דאמאלס טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב, (מובטח לו אז ושבית שביו.

טז. עס איז דאך לפום צערא אגרא. וויבאלד אז דאס איז פארבונדען מיט צער פון א מלחמה, מצד דעם העלם והסתר אויף מילוי שליחותו, האט ער לפום זה די אגרא. ער נעמט עצמות, וכמבואר (ד"ה ויתן לך תרס"ו ואילך) ע"פ יעשה למחכה לו למאן דדחקין במילי דחוכמתא, אז דורכן ברעכען ההעלם והסתר נעמט ער עצמות.

וואס דורך דעם קומט מען צו לקיום היעוד לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, בביאת המשיח שנק' שלום כמ"ש למרבה המשרה ולשלום אין קץ.

וזהו ג"כ עבודת ר"ה ועניך שנה שהיא רשה בתחילתה מתעשרת בסופה. עיקר עבודת ר"ה – מצות היום בשופר, תקיעות. מן המיצר קראתי, רשה בתחילתה די רגעים, ווערט באלד ענני במרחב, מתעשרת בסופה. המשכת מרחב העצמי. וואס דאס שטייט אין דעם יו"ד שלמעלה, און דורכן קו קומט עס אראפ אין יו"ד שלמטה.

טו"ב. מען האט שוין גערעדט כמה פעמים בענין "ופרצת". בנוגע אין גשמיות דער זעהט זיך נאך ניט וואס מען האט געטאן אין דעם. דאלך די תלמידים טאן זייער ופרצת – ופרצת ברוחניות, וועט דאס מכריה זיין אויך דעם ופרצת בגשמיות. וכמשל הצבי, ביז מען וועט זוכה זיין יעלה הפורץ לפנינו. וההתחלה בזה – ממשיך זיין א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, א יאהר פון ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה ביז צו דער נחלה בלי מצרים נחלת יעקב אביך, א יאהר אן קיין הגבלות, סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות.

כי פי ה' דיבר.

שיחת ט' אלול תשח"י

השמטה, שייך בענין שלעתיד יהי' ולשלום אין קץ ונמשך ע"י
עבודת המלחמה דעכשיו, תצא למלחמה.

לעתיד שלום, אבן. ווי ער זאגט אין אגה"ק (סי' כ"ו) אז איצטער דארף
זיין בירור הניצוצות. לעתיד וועט נשלם ווערן בירור הניצוצות
ויופרד הרע מהטוב וועט מען יעמולט ניט דארפן לברר בבירורין
נאר די עבודה וועט זיין ליחד יחודים עליונים יותר. להמשיך אורות
עליונים יותר מהאצילות. וואס דאס איז דער ענין פון שלום.
אבער דאס גופא האט מען דוקא דורך די עבודת הבירורים איצטער,
דעם תצא למלחמה.

הגהה שני'

וכנ"ל בענין כי תראה, וויבאלד ער זעהט עס און ווייס
פון דעם – האט עס א שייכות צו אים.

און אזוי ווי געזאגט פריער – די פרשה איז
בלשון ציווי ובלשון הבטחה. בשעת ער דערהערט דעם
ציווי, טוהט ער דאס בשמחה ובטוב לבב, ומובטח לו
אז ושבית שביו.

כג. עס איז דאך לפום צערא אגרא. וויבאלד אז דאס
איז פארבונדען מיט צער פון א מלחמה, מצד דעם העלם
והסתר אויף מילוי שליחותו, האט ער לפום זה די אגרא.
ער נעמט עצמות, וכמבואר (ד"ה ויתן לך תרס"ו ואילך)
ע"פ יעשה למחכה לו לאבן דדחקין בטילין דחוכמתא, אז
דורכן ברעכען ההעלם והסתר נעמט ער עצמות.

וואס דורך דעם קומט מען צו לקיום היעוד
לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, בביאת
המשיח שנק' שלום שלום למרבה המשרה ולשלום אין קץ.

ווי ער זאגט אין אגה"ק (סי' כ"ו) אז איצטער
דארף זיין בירור הניצוצות. לעתיד וועט נשלם ווערן
בירור הניצוצות ויופרד הרע מהטוב וכו' וועט מען
יעמולט ניט דארפן לברר בירורין נאר די עבודה וועט
זיין ליחד יחודים עליונים יותר להמשיך אורות
עליונים יותר מהאצילות. וואס דאס איז דער ענין פון
שלום, שלום אין קץ. אבער דאס גופא האט מען דוקא
דורך די עבודת הבירורים איצטער, דעם תצא למלחמה.

כד. וזהו ג"כ עבודת ר"ה וענין שנה שהיא רשה
בתחילתה מתעשרת בסופה. עיקר עבודת ר"ה – מצות היום
בשופר, תקיעות. מן המיצר קראתי, רשה בתחילתה די
רגעים, ווערט באלד ענני במרחב, מתעשרת בסופה.
המשכה מרחב העצמי. וואס דאס שטייט אין דעם יו"ד
שלמעלה, און דורכן קו קומט עס אראפ אין יו"ד שלמטה.

כה. מען האט שוין גערעדט כמה פעמים בענין "ופרצת".
בנוגע אין גשמיות זעהט זיך נאך ניט וואס מען האט
געטאן אין דעם. זאלן די תלמידים טאן זייער ופרצת
– ופרצת ברוחניות, וועט דאס מכריח זיין אויך דעם
ופרצת בגשמיות. וכמשל הצבי (כהובות בסופה),

ביז מען וועט זוכה זיין אז יעלה הפורץ
לפנינו – מלך המשיח (ראה אוה"ת להצ"צ שמות ע' נא).

וההתחלה בזה

הגהה נוספת

## בס"ד. שיחת אור ליום ב' פרשת תצא, ט' אלול, תשח"י*. (בקשר לנסיעת הת' ז. שי' פ. לאה"ק ת"ו**)

**א.** דער[1] עיקר הסיבה פון די התוועדות, איז צוליב דעם וואָס עס פאָרט אַ שליח לאה"ק ת"ו אויף טאָן

– אַליין און איבערגעבן אויך אַנדערע אַז זיי זאָלן טאָן (אויך זיי בתוס' המעלה וואָס איז דאָ) באופן פון שליחות –

אין חינוך עטה"ק, ובפרט אין די מוסדות שנקראים על שמו של כ"ק מו"ח אדמו"ר, ובמילא הייסט עס אויך – בשליחותו פון בעל השם.

וויבאַלד אַז ס'איז אַ שליחות פון רבי'ן – האָט מען דאָך געדאַרפט יאָגן זיך נאָך דעם,

פונדעסטוועגן, איז, מפני החשך כפול ומכופל, פאַראַן אַזוינע וואָס, מצד דעם וואָס דעם גוף ווילט זיך זיין אין אַן אַנדער אָרט, פאַרגעסט מען אויפן רבי'ן, מען פאַרגעסט אויף די שליחות, און מען גיט נאָך די חומריות פון נה"ב.

**ב.** סוכ"ס וועט מען נאָכגעבן דעם רצון פון נה"א און טאָן די שליחות וועלכע עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. אָבער דערווייליע דינגט ער זיך, ער אַליין, ער שטעלט צו אויך זיין טאַטן אָדער די בני בית, זיי זאָלן אויף אים "מגין" זיין, ער זאָל ניט דאַרפן פאָרן. איז הגם אַז סוכ"ס וועט ער אָפּטאָן דעם ענין, אָבער דאָס איז געמאַטערטערהייט, אָן זריזות און אָן חיות.

**ג.** דער אַלטער רבי באגה"ק[1] איז מבאר די מעלת העקידה

– וואָס די פרשת העקידה[2] זאָגט מען יעדן אינדערפרי פאַרן דאַוונען, ד.ה. אַז דאָס איז אַ הקדמה לתפלה, וואָס תפלה איז דער יסוד העבודה דכל היום –

אַז דער עיקר המעלה שבזה איז וואָס אברהם אבינו האָט עס געטאָן בזריזות נפלאה ובשמחה ובחפץ. כאָטש מצד הטבע וכו' איז אָבער וויסנדיק אַז דאָס איז דעם אויבערשטנס רצון וכוונה האָט ער געטאָן בשמחה.

ועד"ז בנדו"ד – אויב מען טוט עס געמאַטערטערהייט, איז הגם אַז דעם ענין האָט ער טאַקע אָפּגעטאָן, אָבער עס פעלט אין די אַלע זאַכן וואָס מען מאָנט בזכות העקידה – וואָס דאָס איז דאָך בזכות הזריזות וכו' פון דער עקידה כנ"ל – וואָס בכללם זיינען דאָך אויך ההשפעות בבני חיי ומזוני רויחא.

---

1) סי' כא.

---

*) שיחה זו הוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, וי"ל בקונ' בפ"ע (ע"י מזכירות כ"ק אדמו"ר שליט"א, בשנת תשח"י). ונדפסה גם בתרגום ללה"ק בבטאון חב"ד חוב' יט ע' 30 ואילך (ולשלימות הענין — נדפס הנ"ל בהוספות — לקמן ע' 554 ואילך).

ס"ט-יא; כ-כג — נדפסו גם בלקו"ש ח"ב ע' 632 ואילך — בשינויים קלים והוספת ציונים; והעתקנו סעיפים הנ"ל משם.

בהוצאה זו ניתוספו מהמו"ל מ"מ וציונים הבאים בשוה"ג. כדי להבדיל בינם להערות כ"ק אדמו"ר שליט"א [בהקונט' היו בפנים השיחה, ושמנו אותן בהערות (כרגיל)], באות הערות המו"ל באותיות קטנות יותר.

**) ראה ביומן.

1) ראה הערה בתחלת השיחה.

2) וירא כב, א ואילך.

דער אופן העשי' דאַרף זיין עקידה. דפירוש עקידה הוא מלשון עקוד[3], מען נעמט צו באם גוף די מעגליכקייט צו שטערן אָדער אפילו נאָר שוואַכער מאַכן. ועד"ז בנדו"ד – ער איז מעקד זיין רצון אַז ער ווערט אויס מציאות, וביחד עם זה טוט ער די שליחות בזריזות בשמחה ובטוב לבב.

**ד.** בשעת ער דערהערט אַז דאָס איז אַ שליחות פון רבי'ן, איז באַ אים ברור, אַז דאָס איז זיין טובה אין רוחניות און דאָס איז זיין טובה אין גשמיות, און ער טוט דאָס בשמחה ובטוב לבב. און אַזוי דאַרף ער אַרויסרופן דעם הרגש אויך באַ די וואָס געפינען זיך דאָרט וויהין ער פאָרט.

טאָן דאַרף מען ניט צוליב די תועלת וועלכע מען וועט האָבן, מען דאַרף טאָן שלא על מנת לקבל פרס[4], מען דאַרף טאָן מצד דעם בקשו פני[5]. און יעמולט האָט מען בדרך ממילא, אויך הצלחה בגשמיות וברוחניות, און סאיי אין די ענינים הכללים סאיי בעניניו הפרטים.

ובפרט בחודש אלול, וואָס ווי ס'איז מבואר אין לקו"ת[2] איז בחודש אלול מלך בשדה, וואָס יעמולט קען מען אויסבעטן באַ דעם מלך בקשות, וואָס בשעת דער מלך געפינט זיך בעיר מלכותו דאַרף מען האָבן אויף דעם כמה וכמה השתדלות. יעמולט איז את פניך ה' אבקש[5], און עס קומט אַראָפּ אין אַלע ענינים ביז אין די ענינים היותר פנימיים.

**ה.** בשעת דער אַלטער רבי האָט גענומען אַ מלמד פאַר זיין זון ממלא מקומו, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט דעם מלמד[6]: דאָס ערשטע לערנט מען אותיות א-ב... וואָס איז אַן אל"ף – אַ פינטעלע פון אויבן, אַ פינטעלע פון אונטן, אַ קו באמצע – דאָס איז אַן אל"ף. אַ קינד מוז וויסן אַז דער אל"ף פון תורה איז דער יו"ד פון אויבן, דער יו"ד פון אונטן, מיט דעם קו פון אמונה וואָס באַהעפט זיי, עכ"ל.

אין דעם אל"ף כפשוטו וואָס מען לערנט מיט אַ קינד – שטייט אין דעם דער גאַנצער ענין הנ"ל, מיט אַלע עומקים שבהבנה והשגה וואָס ס'איז דאָ אין דעם, ווי יעדער נשיא בדורו האָט מבאר געווען דעם ענין הנקודה למעלה והנקודה למטה וקו המחברם[7].

וואָס אַזוי איז בכללות ענין החינוך: באַלד ווי מען הויבט אָן מחנך זיין אַ קינד, איז הגם דערווייַלע לערנט מען מיט אים ענינים פשוטים, איז אָבער אויך אין דעם שוין נוגע די מטרה צו וועלכע מען וויל דערגרייכן, און מען דאַרף דאָס אַריינשטעלן (בהעלם, אין צוגעפּאַסטע אותיות) באַלד אין דער התחלה.

נאָך איידער דער קינד ווייס להבחין בין טוב לרע[8] און מען לערנט מיט אים מערניט ווי דעם "אל"ף" פון תורה, דאַרף מען אין דעם אַריינשטעלן דעם גאַנצן עומק וואָס ס'איז דאָ אין אל"ף.

**ו.** וע"פ המבואר בתו"א[3], שמובן אַז הנקודה למעלה דאָס איז דער צמצום המשפיע, וואָס

---

2) ראה לב, ב.

3) נט, א.

---

3) ראה פרש"י שם, ט.

4) אבות פ"א מ"ג

5) תהלים כז, ח.

6) היום יום — ח' אדר א — ושם גם עוד נוסח (הובא לקמן סי"ח). וראה גם ס' השיחות תרצ"ו ע' 111. ועוד.

7) ראה גם ס' הערכים — חב"ד מע' אותיות אות אל"ף (ע' סט ואילך). ושי"נ.

8) ע"ד ל' הפסוק ישעי' ז, טז.

ער דאַרף אַריינשטעלן דעם גאַנצן ענין ההשפעה אין אַ נקודה, דערנאָך איז דער קו, די המשכה, און דערנאָך די נקודה שלמטה דער צמצום פון דעם מקבל.

ומבואר במ״א בתו״א[4] אַז דאָס איז דער סדר בכל ההשתל׳ וכמ״ש[9] נוצר חסד לאלפי״ם.

ויש לומר בדרך אפשר שזהו״ע מה שאות אל״ף איז די התחלת כל האותיות (ל׳ **אתא** בוקר[10], המשכה) היינו אַז דאָס איז דער אופן פון כל עניני המשכה והשתלשלות.

און דאָס אַלע שטייט אין דעם אל״ף כפשוטו.

**ז.** אויך דער ענין החינוך, וואָס דאָס איז דאָך השפעה מהרב לתלמיד, איז דאָס אויך אין אַ סדר פון אַ אל״ף. ווי מען האָט גערעדט אַז דאָס איז אַ סדר **בכל** עניני השתל׳. סאיי אין חינוך פון אַ קטן, סאיי אין חינוך פון אַ גדול. אַלע דרגות החינוך דאַרפן זיין אין אַ אופן פון אל״ף: דער צמצום המחנך, וואָס ער גיט זיך אַוועק צום מחונך, דער ביטול המחונך המקבל, און די אמונה (דער קו המחבר) וואָס דער תלמיד דאַרף האָבן אין רב. וכמבואר בכ״מ[11] אַז בכדי ער זאָל קענען מקבל זיין – מוז ער מבטל זיין את כל שכלו, ער זאָל זיין מערניט ווי **מקבל**, וכמבואר במ״א[12] אַז בשעת הקבלה דאַרף דער מקבל ניט טראַכטן אפילו ניט אין דער הבנה והשגה, מערניט ווי לקבל דברי הרב ווי זיי זיינען. און נאָר לאחרי ההשפעה טראַכט ער אין השגת הענין.

און דערפאַר איז אויך בשעת ער לערנט מיטן קינד ענינים פשוטים, האָט ער זיך ניט וואָס צו שרעקן וואָס וועלן זיין תוצאות החינוך – ווייל ער פאַרבינדט שוין די נקודת המקבל מיט דער נקודה שלמעלה, ביז צו דעם מרחב העצמי, און דער פאַרבונד איז באופן כזה, אַז דאָס איז ניט דריי באַזונדערע זאַכן, נאָר פון אַלעמען צוזאַמען ווערט **איין** אות.

**ח.** דאָס איז פון דער השכלה פון דעם ענין. נקודת הענין איז:

דער שליח זאָל מיטנעמען אַלע ענינים בשלימות און ברענגען דאָס אַהין בשלימות, און פועל'ן אין די אַלע צו וועמען ער ווערט געשיקט – אַז זיי זאָלן פאָרן אומעטום וואו מען וועט דאַרפן, בזריזות בשמחה ובטוב לבב, וואָרום דאָס איז דאָך דער רצון המשלח. און ווי געזאָגט פריער[13]: טאָן דאַרף מען שלא ע״מ לקבל פרס. נאָר בדרך ממילא איז דאָס טובם ואשרם האמיתי בגשמיות וברוחניות.

**ט.** אין[14] היינטיקן (מאָנטיק) שיעור חומש זאָגט ער[15]: לא תראה חמור אחיך או שורו נופלים בדרך והתעלמת מהם הקם תקים עמו.

דרך איז אַ ממוצע צווישן רשות היחיד און רשות הרבים.

– דערפאַר איז אין חסידות[5] בשעת מען איז מבאר ענין הקו, גיט מען אויף דעם דעם משל פון אַ דרך, וואָס איז מחבר עיר הגדולה והיכל המלכות מיט עיירות קטנות ביז צו אַ פינה נדחת;

4) סט, ג.

5) ביאורי הזהר ר״פ וישלח. ועוד.

9) תשא לד, ז.

10) ישעי׳ כא, יב. וראה תו״א בשלח סה, ריש ע״ב. יתרו עא, א. ועוד.

11) המשך תער״ב ח״א ע׳ תקצה. ח״ב ע׳ תרצג. ע׳ תתפו. ובכ״מ.

12) ראה סה״מ תש״י ע׳ 120 ובכ״מ.

13) ס״ד.

14) ראה הערה בתחלת השיחה.

15) פרשתנו כב, ד.

# אור ליום ב׳ פרשת תצא, ט׳ אלול



אויך דעם משל פון אַ צינור, אַז בשעת מען דאַרף אָנגיסן מים מן הנהר הגדול, וואָס זיי גייען בתוקף גודל, אין כלים קטנים, מוז מען האָבן אַ צינור, וואָס טיילט זיך דערנאָך אויף צינורות קטנים, וואָס דורך זיי קען אָנקומען די וואַסער ביז איז כלים היותר קטנים שבריחוק מקום ביותר. –

בשעת אַז מען וויל מוסיף זיין נאָך אַן ענין אויסער דרך, קען דאָס זיין אויף צוויי אופנים: מוסיף זיין שור וחמור הנופלים ברפת, רשות היחיד, אָדער מוסיף זיין הנופלים ברשות הרבים. זאָגט ער אין ספרי[6] אַז מען איז מוסיף רשות הרבים, אָבער אין רפת איז ניטאָ קיין חיוב הקמה.

**י.** דער ענין מכל הנ״ל אין חינוך: קודם החינוך איז דאָך עיר פרא אדם יולד[7]. עס זיינען דאָ אַזוינע וואָס זיי זיינען כבהמה, ובכללות[8] צי שור – בהמה דקדושה, צי חמור – בהמה דלעומת זה, אויף וויפל עס איז שייך לעומת זה ביי אַ אידן.

איז בשעת מען זעט דעם חמור אָדער דעם שור נופלים (ממדריגתם, אַראָפּגעפאַלן אויך די משא וואָס זיי דאַרפן טראָגן) בדרך, איז הקם תקים עמו.

דאָס גופא וואָס תראה – מען ווייזט אים – איז אַ ראי׳ אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אים. וכמאמר הבעש״ט[9] אַז אַלץ וואָס אַ איד זעט און הערט איז דאָס בהשגחה פרטית, אויף אויסנוצן דאָס אין עבודת האדם לקונו[16].

הגם ער מיינט אַז ער שטייט אין אַ העכערער מדריגה, און אפשר שטייט ער טאַקע אין אַ גאָר גרויסער מדריגה, מכל מקום האָט עס אַ שייכות צו אים. ווי דער פסוק זאָגט אחיך, בתוספת לאַנגער כ״ף, דאָס איז **דיין** ברודער.

זעענדיק ווי יענער געפינט זיך בדרך, ניט אין רשות היחיד, נאָך מערער – אפילו אויב יענער געפינט זיך אין רשות הרבים, היפך רשות היחיד יחידו של עולם[17], קען ער דאָך טענה׳ן מה לי ולצרה הזאת[18]. זאָגט מען אים, ניין, עס ליגט אויף אים אַ חוב אָפּלייגן זיינע ענינים און מקיים זיין מצות הקם תקים.

ואדרבה, דער חיוב איז דוקא בדרך ורשות הרבים. אויב נופלים ברפת, וויבאַלד זיי זיינען ברשות היחיד – איז ניטאָ חובת הקמה, זיי וועלן אַליין אויפשטיין, דער חיוב איז בדרך, און נאָך מערער ברשות הרבים – וואָרום ס׳איז דאָך חומר בדברי סופרים מבדברי תורה[10].

מצות הקמה בדרך – דאַרף מען טאָן בזריזות ובשמחה כנ״ל. אָבער ברשות הרבים – דאַרף מען טאָן מיט נאָך אַ גרעסערן געשמאַק, וואָרום – ערבים עלי דברי סופרים יותר מדברי תורה[11].

**יא.** ובנוגע לענינינו: דאָס וואָס מען האָט גערעדט בענין הנסיעות אויף טאָן במוסדות

---

6) דברים כב, ד.
7) איוב יא, יב.
8) זע ב״ק נד, ב.
9) זע ספר השיחות – קיץ ה׳ש״ת ע׳ יא.
10) זע עירובין כא, ב.
11) ע״ז לה, א.

---

16) ראה גם בהוספות לס׳ כתר שם טוב סי רכ״ג-רכ״ו. ושי״נ.
17) ראה ב״ר יא, ה.
18) לי הרמב״ם הל׳ סנהדרין פכ״ג ה״ט. טוחו״מ ס״ח (ובב״י שם סק״ב ״ומ״ש . . ולצרה הזאת כו׳ ברייתא פ״ק דסנה׳ (ו, סע״ב) ופרש״י כו״. ושם — בשינוי לי).

חינוך, קען מען דאַך וועלן שטעלן אַ תנאי און אויסקלייבן בדוקא ערטער וואָס זיינען נענטער צו אים, ערטער וואָס דאָרטן איז דאָ מערער יראת שמים;

זאָגט מען אויף דעם, אַז בשעת מען קען אויפטאָן איז אַ מקום רחוק ופינה נדחת, נדחת בגשמיות וברוחניות, איז ניט נאָר בפשיטות אַז – הקם תקים, ניט נאָר בפשיטות אַז דאָס טאָר ניט מחסר זיין אין דער זריזות ושמחה, נאָר נאָך מער – עס דאַרף נאָך פאַרשטאַרקן דעם חיות, די זריזות ושמחה.

**יב.** בכללות התורה איז קדמו נשים לאנשים, כמ״ש[19] כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים ותגיד לבני ישראל אלו האנשים. אויב ס׳איז אַזוי בכל התורה, עאכו״כ בענין החינוך – וואָס מען זעהט במוחש, אַז די מוטער איז אין דעם מערער נוגע ווי דער פאָטער. כאָטש אַז מצות חינוך מוטל על האב ולא על האם[20], פונדעסטוועגן זעהט מען אַז ווי די עקרת הבית שטעלט אַוועק – אַזוי איז עס[12].

דערפון איז מובן אַז כל האמור לעיל, איז שייך ניט נאָר בענין חינוך הילדים נאָר אויך בחינוך הילדות, און ניט נאָר בהנוגע צו מורים, נאָר אויך – צו מורות. ואדרבה, בא זיי איז דאָס בהקדם לאנשים, מיט מערער זריזות און מיט מערער חיות.

**יג.** דער אויבערשטער זאָל מצליח זיין, אַז דער שליח זאָל נעמען די עניני השליחות במילואם און ברענגען די ענינים אַהין – לאה״ק ת״ו – במילואם, במילא וועט עס זיין דברים היוצאים מהלב ונכנסים אל לב השומעים[21], פועל׳ן אויף די יונגע לייט, אויף די מורים ומורות – אַז יעדערער און יעדערע פון זיי זאָל טאָן בזריזות וחיות ושמחה. אויף ברענגען דעם דבר הוי׳ בכל מקום וואו מען וועט זיי באַשטימען, ובפרט אין די מוסדות חינוך וואָס ווערן גערופן על שמו של כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַז די תלמידים און די תלמידות זאָלן זיין זרע ברך הוי׳[22], דור ישרים יבורך[23],

וואָס דאָס וועט ברענגען הצלחה מופלגה אויך בעניניהם הפרטיים, ובמדתו של הקב״ה מדה כנגד מדה[24] אָבער כמה פעמים ככה, ויעש להם בתים[25], בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**יד.** ס׳איז געווען אַ סברא, מען זאָל אויף יעדער איינעם אָנווייזן באצבע און אויך זאָגן אים אין וועלכן אָרט ער דאַרף פאָרן. אָבער דער תכלית הכוונה איז דאָך מען זאָל פאָרן בחפץ בשמחה ובטוב לבב כנ״ל, במילא וועט מספיק זיין אויב מען וועט רעדן דעם ענין אפילו נאָר בכללות, און יעדער – המתאים באמת – דאַרף וויסן אַז דאָס מיינט מען אים.

ווי ס׳איז ידוע דער וואָרט וואָס כ״ק אדמו״ר הצ״צ האָט געזאָגט[26], אַז אַזוי ווי אַ קירזשנער – אַ היטל מאַכער, מאַכט היטלען פון פאַרשידענע מאָסן, און נאָכדעם אַז אימעצער גייט אַריין און מעסט אָן די היטל אַז ס׳איז מתאים די מאָס, טוט ער איר אָן – אַזוי איז בא אים

12) ראה ברכות יז, א: גדולה הבטחה כו׳.

19) יתרו יט, ג. מכילתא (ורש״י) שם.

20) ראה נזיר כט, א. וראה אנציק׳ תלמודית כרך ט״ז ע׳ קסה. וש״נ.

21) ראה ס׳ הישר לר״ת שי״ג. של״ה סט, א.

22) ע״פ ישעי׳ סא, ט.

23) ע״פ תהלים קיב, ב.

24) ראה סנהדרין צ, א. ובכ״מ.

25) שמות א, כא. רש״י שם –מסוטה יא, ב. ועוד.

26) ראה גם שיחת יום שמח״ת תשט״ו סי״ג (נדפס בשיחות קודש ה׳תשט״ו ע׳ 45).

(בהנוגע לאמירתו דברי התעוררות וכיו"ב). און דער צ"צ האָט מסיים געווען: **און אים מיין איך טאַקע**.

דאָס הייסט: אויך די וואָס מען איז ניט **קורא** בשמם, אָבער בשעת זיי וועלן אַריינטראַכטן אין דעם ענין באמת, ניט אַריינמישן קיין אייגענע פניות וישות, וועלן זיי זעהן אַז דאָס איז זייער תפקיד פנימי – טאָן כהנ"ל (און די וואָס זיינען נאָך דער חתונה – דאַרפן זיי זעהן דאָס פועל'ן אויך באַ אשתו, ווייל כגופו דמיא[27]) – **איז זיי מיינט מען טאַקע**.

**טו.** דאָס וואָס מען רופט ניט אויס בשמותם איז דאָס ניט מחליש דעם מינוי וואָס מען איז זיי ממנה, ואדרבה, ס'איז אַ ענין פון שם שבהעלם (ע"ד חילוק שם שנכתב, שם שנקרא[28]), ובמילא רירט עס אָן טיפער, און עס גיט טיפערע כחות, אַ גרעסערן זכות און אַ גרעסערע אחריות בכל הנ"ל. ובמילא אויך אַ גרעסערע המשכת הצלחה בכל הנ"ל.

און אויך דער פרט וואָס מען האָט גערעדט, אַז אין די נסיעות גופא איז אין רה"ר דאַרף זיין נאָך מערער עריבות ווי אין דרך, אויך דער פרט איז באַ די וואָס מען איז ניט קורא בשמם, און ואדרבה – נאָר מערער שייך צו זיי, מצד ענין השם שבהעלם, וואָס איז נעענטער צו עריבות ווי שם שבגלוי.

לבד זאת וואָס עס ליגט אויף זיי דער ענין בכלל, ליגט אויף זיי דער פרט פון אויסקלייבן רה"ר, און אַ פנה נדחת כו' ביחוד, און זיי דאַרפן דאָס טאָן בחיות בזריזות בשמחה ובטוב לבב.

**טז.** וואָס דאָס אַלץ איז אויך מרומז בענין האל"ף – התחלת הלימוד – וכמבואר בתו"א[13] אַז אין תהו איז הרגשת הגוף תוקף הרגשת עצמותו – היפך ההתכללות, משא"כ בתיקון, חלישות הגוף הרגשת עצמותו – איז אלפי"ן – יו"ד לעילא יו"ד לתתא וי"ו באמצעיתא דער קו המחבר אותם.

בשעת מען לייגט אַוועק די ישות הגוף, יעמולט איז דאָ די פאַרבינדונג פון דעם יו"ד דלמטה – דעם אידן – מיט דעם יו"ד דלמע' – חכמתו ורצון העליון, דערזעט ער וואָס איז תפקידו, דאַמאָלס איז דאָ די המשכה פון יו"ד העליון אין יו"ד התחתון, דורך מילוי התפקיד ווערט נמשך און קומט אַראָפּ טובם ואשרם ברוחניות, טובם ואשרם בגשמיות, שלהם ושל בני ביתם,

**יז.** עס איז דאָך חודש אלול, ימי הרצון והרחמים, און עס גייט דאָך צו ח"י אלול וואָס דאָס גיט אַריין חיות בכל עבודות חודש אלול[29] און דורך דעם אויך – בעבודות כל השנה – איז די אַלע שהתנדבו[30] לענין האמור, לויט די ידיעות וואָס וועלן זיין ביז יעמולט, וועט מען זיי דערמאָנען בל"נ על הציון אין דעם לעבעדיקן טאָג[31] – אַז עס זאָל זיין, און עס וועט זיין, בהצלחה מופלגה, סיי אין די ענינים כלליים סיי אין די ענינים הפרטיים.

**יח.** כאמור לעיל, אַז מצות הקמה (בעניננו – עסק בחינוך על טהרת הקודש) איז בכל המקומות, ביז אויך אין רה"ר, אַזוי אויך איז דער סדר החינוך – אָנהויבן אל"ף כנ"ל – איז דאָס

---

**13) סה, ד.**

---

27) ראה ברכות כד, א. ובכ"מ.

28) ראה פסחים נ, א. ועוד.

29) ראה לקוטי דיבורים ח"ג ע' 946. ספר השיחות תש"ה ע' 122. לקו"ש חי"ט ע' 250 ואילך. חכ"ט ע' 161 ואילך. ובכ"מ.

30) כ"ה בהקונטרס. ולכאו' צ"ל: שיתנדבו (וכבההמשך).

31) היינו: **ח"י** אלול.

אַ סדר בכל המקומות. אומעטום און אין אַלע מדריגות, דאַרף מען לערנען מיט אַ אידישן קינד פון קינדוייז אָן און אַלס יסוד פון זיין גאַנצן חינוך און זיין גאַנצן לעבן – אַז אַ איד (דער יו״ד, די נקודה) למטה פאַרבינדט זיך – ביז ער ווערט פאַראיינציקט – מיט דעם יו״ד (ר״ת און עיקר פון שם הוי׳) דלמעלה דורך דעם קו פון אמונה, (אָדער, ווי דער צווייטער נוסח אין אַלטן רבי׳נס וואָרט[32]) דורך דעם קו פון יראת שמים.

די וואָס פאָרן ביז אין ווייטע ערטער אויף עוסק זיין זיך דאָרט אין חינוך עטה״ק וביחוד אין די בתי ספר שנקראים על שמו של כ״ק מו״ח אדמו״ר, דאַרפן זיי וויסן אַז מען דאַרף איינקריצן דעם ״אל״ף״ אין די קינדער – אין די תלמידים און אין די תלמידות – אַז עס זאָל מתאים זיין לתקות ולכוונה פון רבי׳ן, אַז ער וועט קענען זאָגן: ראו גדולים שגדלתי[33], שגדלתי – לשון יחיד, דורך מיינע שלוחים.

**יט.** ס׳איז פאַראַן אַ ענין עיקרי און פאַראַן וואָס קומט ע״י גלגול.

אַזוי אויך בסיבת ההתועדות. דער ענין עיקרי: אַז יונגע לייט באה״ק ת״ו, זאָלן פאָרן – בשליחות – טאָן בחינוך עטה״ק וביחוד אין די מוסדות אהלי יוסף יצחק ובזריזות ובשמחה.

דער ענין – אויך עיקרי – אָבער שבא ע״י גלגול: די ענינים וואָס מען האָט גערעדט פריער – זיינען שייך בכל מוסד של חינוך עטה״ק. אין יעדן מוסד דאַרף מען אָנהויבן מיטן אל״ף בי״ת. סיי די משפיעים סיי די תלמידים. ניט קוקנדיק אויפן עבר און ניט קוקנדיק אויף די מעלות וואָס מען האָט דערגרייכט, איז התחלת כל יום ויום מיט – מודה אני, וואָס דאָס איז דער א״ב פון עבודת האדם בעולמו – לשמש את קונו[34].

עס איז דאָך אסתכל באורייתא וברא עלמא[35], דאַרף זיין די התחלה מיט׳ן אל״ף פון תורה. ד.ה. מען דאַרף וויסן, אַז ס׳איז דאָ דער יו״ד שלמעלה, דער מרחב העצמי פון עצמות, וואָס ער איז כולל הכל, ובכדי צו מקבל זיין דאָס דאַרף זיין דער יו״ד שלמטה, דער ביטול וכלי ריקן של המקבל, דכלי ריקן מחזיק[36], און דאָס קומט דורכן קו פון אמונה, קו פון יר״ש, המחבר. מחבר דעם מטה מיטן מעלה ביז אַז עס ווערט איין זאַך, איין אות. עס ווערט פון אַלץ צוזאַמען אל״ף – **אלופו** של **עולם**[37].

עס איז איצטער התחלת זמן הלימודים, און ווי מען שטעלט אַוועק אַזוי גייט דאָס. איז אין ישיבות בכלל וישיבות תו״ת בפרט, וואָס פון תו״ת דאַרפן אַרויסקומען תמימים, תמימים בתורה תמימה נגלה וחסידות, תמימים במצוה – תמים תהי׳ עם הוי׳ אלקיך[38], גאַנץ ברמ״ח אברים שהם רמ״ח מ״ע און גאַנץ בשס״ה גידים שהם שס״ה מל״ת[14], איז די התחלת הלימוד דאַרף זיין מיט דעם צוגאנג פון ידיעה והכרה הנ״ל בענין אל״ף.

**כ.** דער[39] ענין פון שור וחמור נופלים בדרך[40] – איז אויך שייך אין די מוסדות חינוך וישיבות

14) לקו״ת נצבים מה, ג.

32) ״היום יום״ שבהערה 6.
33) ע״פ כתובות מה, א.
34) ראה משנה ובריתא סוף קידושין.
35) זח״ב קסא, ב.
36) ברכות מ, א. ועוד.
37) ראה סמ״ק —הובא בב״י או״ח סס״א. לקו״ת תזריע כג, ג. ועוד.
38) פ׳ שופטים יח, יג.
39) ראה הערה בתחלת השיחה.
40) דלעיל ס״ט ואילך.

עצמם. בשעת מען זעט אין דעם תלמיד אַן ענין פון שור וחמור נופלים, און נאָך מערער אַז זיי געפינען זיך אין רשות הרבים, איז ניט שייך קיין תירוץ – ניט מצד דעם משפיע, ניט מצד דעם ראש ישיבה וראש מתיבתא, ניט מצד דער הנהלה – אַז ס'איז ניט לפי כבודם, מען האָט קיין צייט ניט וכו'. ועל דרך זה – אַז פון די אויסגערעכנטע זען דאָס אין זיך אַליין, איז ניטאָ קיין אָרט אויף והתעלמת אָדער טענה המדומה – אַז עס איז ניט לפי כוחם. עס מוז זיין דער הקם תקים.

וואָרום דער ציווי מיט אַלע פרטים וענינים הנ"ל איז געזאָגט געוואָרן לכל אחד ואחד מהתלמידים, מהמשפיעים, מהראשי-ישיבות ומחברי ההנהלה, אַלס יחידים און אַלס אַ כלל (התלמידים בכלל – ביז צו כללות ההנהלה).

און וויבאַלד אַז מען מאָנט עס – איז ברור הדבר אַז מען גיט כחות אויף דעם. און אַז ער וועט באמת וועלן ממלא זיין דעם ציווי – וועט ער קענען.

וואָרום אַזוי ווי אַלע מצוות שבתורה זיינען געזאָגט בלשון וואָס האָט צוויי פירושים[41]: ציווי און הבטחה, אַזוי אויך דער הקם תקים. בשעת עס דערהערט זיך דער ציווי: דו זאָלסט אויפשטעלן, דאַן קומט דער פירוש הפנימי: מען איז מבטיח, דו וועסט אויפשטעלן.

**כא.** אַ חיזוק אין דעם איז אויך דאָס, וואָס במדינה זו איז דער סדר, אַז די התחלת זמן הלימוד איז בחודש אלול. די צייט וואָס המלך בשדה[15], די י"ג מדות הרחמים זיינען בהתגלות, באופן אַז יעדן איינעם איז המלך מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם כנ"ל[42] – וואָס דאָס גיט כוח יעדערן אויף אויספירן וואָס עס מאָנט זיך פון אים.

דאָס אַלע איז שייך לתלמידי ישיבות בכלל ולתלמידי תומכי תמימים ביחוד, וואָרום דער ענין פון תורה בכלל און אופן לימודה אין תומכי תמימים בפרט – איז דאָך מאחד ומחבר זיין גליא מיט סתים דתורה און דורך דעם אויך גליא וסתים דנשמה מיטן גליא וסתים דקוב"ה[43] – ביז מען קומט צו צום מילוי הבקשות: בקשו פני את פניך ה' אבקש[5].

און באור פני מלך חיים[44] – דאָס איז ממשיך פון פנימיות ועצם הטוב אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, למטה מעשרה טפחים, בטוב הנראה והנגלה.

**כב.** ועל דרך זה איז אויך מרמזי הסדרה: כי תצא למלחמה על אויבך[45], די מלחמה מיטן אייגענעם נפש הבהמית, די מלחמה מיט דער סביבה, מיטן גוף ונפש הבהמית פון זולת, איז דער סדר אין דעם כי **תצא**, ניט וואַרטן ביז יענער וועט קומען מלחמה האָבן צו דיר, נאָר אַרויסגיין צו יענעם. ווי מען האָט שוין אַמאָל גערעדט[16] אַז אויב דער אויב קומט אין זיין שטח, איז אפילו ווען ער איז מנצח די מלחמה איז לא ימלט עס זאָל ניט זיין עפעס אַ הירוס וחורבן שנגרם מצד המלחמה, מה שאין כן – כי **תצא** – בשעת מען גייט מיט אַ מלחמת תנופה לשטח האויב.

---

15) לקוטי תורה ראה לב, א [לכאו' צ"ל: א-ב. **המו"ל**].

16) שמחת בית השואבה ה'תשי"ז (לקו"ש ח"י ע' 255 [שיחות קדש ה'תשי"ז ס"ע 36 ואילך. **המו"ל**]).

---

41) ראה בהנסמן בלקו"ש חכ"ב ס"ע 246; חל"א ע' 237. וראה גם שם ח"א ס"ע 281 ואילך. ועוד.

42) ראה לעיל ס"ד (ולכאו', בלקו"ש מיותרת תיבה זו).

43) ראה זח"ג עג, א.

44) משלי טז, טו. וראה יל"ש יתרו רמז רפו קרוב לתחלתו.

45) פרשתנו כא, י.

און דעמאָלט איז ושבית **שביו**[45]. די שבי וואָס ס'איז געווען געפאַנגען ביי **אויביך**[46], ביי **דיין** אויב, – אַ שבי וואָס איז פאַרבונדן מיט דיר.

ער זאָל ניט מיינען אַז ער טוט יענעם אַ טובה, ובמילא איז וויפל ער וועט ניט טאָן – איז מספיק. זאָגט מען אים, ער זאָל וויסן אַז דאָס איז **שביו** פון **אויביך** – דאָס איז נוגע אים, און נאָך מערער ווי צום צווייטן. דאָס זיינען **זיינע** ניצוצות וואָס געפינען זיך אין לעומת זה און ער דאַרף זיי פון דאָרטן אַרויסנעמען. וכנ"ל בענין כי תראה, וויבאַלד ער זעט עס און ווייס פון דעם – האָט עס אַ שייכות צו אים.

און אַזוי ווי געזאָגט פריער – די פרשה איז בלשון ציווי ובלשון הבטחה. בשעת ער **דערהערט** דעם ציווי, טוט ער דאָס בשמחה ובטוב לבב, **ומובטח** לו אַז ושבית שביו.

**כג.** עס איז דאָך לפום צערא אגרא[17]. וויבאַלד אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט צער פון אַ מלחמה, מצד דעם העלם והסתר אויף מילוי שליחותו, האָט ער לפום זה די אגרא, ער נעמט עצמות, וכמבואר[18] על פסוק יעשה למחכה לו[47] אינון דדחקין למילה דחוכמתא[48], אַז דורכן ברעכן ההעלם והסתר נעמט ער עצמות.

וואָס דורך דעם קומט מען צו לקיום היעוד[19] לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, בביאת המשיח שנקרא שלום[20], וכמו שכתוב[21] שר שלום – למרבה המשרה ולשלום אין קץ.

ווי ער זאָגט אין אגרת הקדש[22] אַז איצטער דאַרף זיין בירור הניצוצות. לעתיד וועט נשלם ווערן בירור הניצוצות ויופרד הרע מהטוב וכו' וועט מען דעמאָלט ניט דאַרפן מברר זיין בירורין נאָר די עבודה וועט זיין ליחד יחודים עליונים יותר להמשיך אורות עליונים יותר מהאצילות. וואָס דאָס איז דער ענין פון שלום, שלום אין קץ. אָבער דאָס גופא האָט מען דוקא דורך דער עבודת הבירורים איצטער, דעם תצא למלחמה.

**כד.** וזהו ג"כ עבודת ר"ה וענין שנה שהיא רשה בתחלתה מתעשרת בסופה[49]. עיקר עבודת ר"ה – מצות היום בשופר[50], תקיעות. מן **המיצר** קראתי[51], רשה בתחילתה די רגעים, ווערט באַלד **ענני במרחב**, מתעשרת בסופה. המשכת מרחב העצמי. וואָס דאָס שטייט אין דעם יו"ד שלמעלה, און דורכן קו קומט עס אַראָפּ אין יו"ד שלמטה.

**כה.** מען האָט שוין גערעדט כמה פעמים בענין "ופרצת". בנוגע אין גשמיות זעט זיך נאָך ניט וואָס מען האָט געטאָן אין דעם. זאָלן די תלמידים טאָן זייער ופרצת – ופרצת ברוחניות, וועט דאָס מכריח זיין אויך דעם ופרצת בגשמיות. וכמשל הצבי[23],

---

17) אבות פ"ה מכ"א.
18) ד"ה ואברהם זקן תרס"ו ואילך [ע' פה ואילך. **המו"ל**].
19) **ישעי'** ב, ד.
20) מדרש מעשי תורה.
21) **ישעי'** ט, ה-ו.
22) סימן כו.
23) כתובות בסופה.

---

46) פרש"י עה"פ.
47) ישעי' סד, ג.
48) זח"א קל, ב.
49) ר"ה טז, ב.
50) שם כו, ב. ועוד.
51) תהלים קיח, ה.

שיחת ט' אלול תשח"י

## אור ליום ב' פרשת תצא, ט' אלול

ביז מען וועט זוכה זיין אַז יעלה הפורץ לפנינו[52] – מלך המשיח[24].

וההתחלה בזה – ממשיך זיין אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה, אַ יאָר אָן קיין הגבלות, סאיי אין גשמיות סאיי אין רוחניות. אַ יאָר פון ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה[53] ביז צו דער נחלה בלי מצרים[54] נחלת יעקב אביך כי פי ה' דיבר[55].



24) ראה אוה"ת להצ"צ שמות ע' נא.

52) ע"פ מיכה ב, יג.
53) ויצא כח, יד.
54) שבת קיח, א.
55) ישעי' נח, יד.

## חלק משיחות ח', ט' וי"א תשרי ה'תשמ"ט

א. שטייענדיק באַ דעם אָנהויבס פון אַ נייעם יאָר[1], איז פאַרשטאַנדיק אַז ס'איז פּאַסיק און כדאי אַז אידן זאָלן אָננעמען (אין צוגאָב צו אַלע זייערע החלטות טובות) און טאָן אַ נייע זאַך אין זייער עבודה אין דעם יאָר וועלכע מ'האָט ניט געטאָן אין פריערדיקע יאָרן.

ובפרט אַז דער נייער יאָר איז אויסגעטיילט ספּעציעל אין דעם ענין פון חידוש והוספה:

דער יאָר קומט נאָך אַ שנת הקהל און שנת תִשְמַח ותְשַמַח, און פאַרשטאַנדיק אַז אַזוי ווי אין אַלע עניני קדושה, דאַרפן די פּעולות פון הקהל און שמחה פאָרטגעזעצט ווערן, און נאָך מיט אַ גרעסערן און העכערן פאַרנעם, אין איינקלאַנג מיט דעם אָנזאָג פון „מעלין בקודש"[2].

און צוגאָב דערצו איז דער יאָר אַ שנת העיבור, וואָס זיין ענין איז צו אויסגלייכן דעם שנת הלבנה און שנת החמה (וועלכע איז בערך עלף טעג לענגער פאַר דער לבנה־יאָר)[3]; אָבער די אויסגלייכונג איז דורך צוגעבן אַ פולן חודש (פון דרייסיק טעג)[4], וואָס מאַכט אַז דער יאָר זאָל האָבן מערער טעג פון געוויינלעכע יאָרן (סיי פון אַ שנת החמה ועל אחת כמה פון אַ שנת הלבנה), ביז אַז אַמאָל איז דער עיבור־יאָר ניט נאָר ממלא דעם חסרון פון די פריערדיקע יאָרן, נאָר ער גיט נאָך אַן „אדרויף" אויף להבא[5].

דערפון קומט אויס, אַז וויבאַלד דער יאָר האָט מערער טעג[6], דאַרף במילא צוקומען אַ הוספה אין דער עבודה פון אַ אידן, ניט נאָר בכמות, נאָר אויך באיכות.

נאָך אַן ענין מיוחד אין דעם יאָר איז מרומז אין זיין מספר (לבריאת העולם) — „תשמ"ט". וואָס דאָס איז מרמז אויף דעם ענין פון „תשמט ידיך"[7], אַ איד „נעמט צו" זיין האַנט פון יעדער ניט געוואונטשענע עשי' און להבדיל דער אויבערשטער איז מבטל (משמט) אַלע חובות פון אידן, און אידן טוען זייער עבודה באופן פון חידוש און הוספה (אַ סך מער וויפל מ'איז מחוייב).

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין די ראשי תיבות פון תשמ"ט: דער תי"ו איז ר"ת תשובה, וואָס איז ניט בלויז משלים וואָס עס פעלט, נאָר גיט צו אויך אַ הוספה וחידוש ושלימות אין דער עבודה; און דער תי"ו איז אויך ר"ת „תהא", און דער המשך „שמ"ט" —

1) ובכל שנה יורד אור חדש שלא הי' מאיר עדיין מעולם אור עליון כזה (אגה"ק סי"ד).

2) ברכות כח, א. וש"נ.

3) רמב"ם ריש הל' קידוש החודש (פ"א ה"כ). וראה מכתב ו' תשרי ש.ז. (נדפס לקמן ח"ב — בהוספות).

4) רמב"ם שם פ"ח ה"ה.

5) ראה גם לקו"ש חי"ד ע' 455.

6) ובדיוק — שפ"ג יום. וי"ל שזה מרמז על העבודה באופן של „פגש", פגישת ישראל א' עם חבירו, „אחד באחד יגשו ואיש לא יפריד ביניהם" (איוב מא, ח) — אהבת ואחדות ישראל. ובעבודה — פגישת יהודה ויוסף, תלמוד ומעשה (ראה תו"א ר"פ ויגש).

7) ראה טו, ג. וראה מכתב הנ"ל הערה ד"ה תשמ"ט.

## חלק משיחות ח׳, ט׳ וי״א תשרי תשמ״ט



בס״ד. חלק משיחות ח׳, ט׳ וי״א תשרי ה׳תשמ״ט.

א. שטייענדיק בא דעם אנהויבס פון א נייעם יארן, איז פארשטאנדיק אז ס׳איז פאסיק און כדאי אז אידן זאלן אנגעמען און טאן א נייע זאך אין זייער עבודה אין דעם יאר וועלכע מ׳האט ניט געטאן אין פריערדיקע יארן (מיט קוקנדיק דוי גוט די עבודה איז דעמולט געווען).

ובפרט אז דער נייער יאר איז אויסגעטיילט ספעציעל אין דעם ענין פון חידוש והוספה:

דער יאר קומט נאך א שנת הקהל און שנת תשמח ותשמח, און פארשטאנדיק אז אזוי ווי אין אלע עניני קדושה, דארפן די פעולות פון הקהל און שמחה פארגעזעצט ווערן, און נאך מיט א קעסערן און העכערן פארנעם, אין איינקלאנג מיט דעם אנזאג פון "מעלין בקודש".

אין צוגאב דערצו איז דער יאר א שנת העיבור, וואס זיין ענין איז צו אויסגלייכן דעם שנת הלבנה און שנת החמה (וועלכע איז בערך עלף טעג לענגער פאר דער לבנה-יאר); אבער דער אויסגלייכונג איז דורך צוגעבן א פולן חודש (פון דרייסיק טעג), וואס מאכט אויך אז דער יאר זאל האבן מערער טעג פון געוויינלעכע יארן (סיי פון א שנת החמה ועל אחת כמה וכמה פון א שנת הלבנה), ביז אז אמאל איז דער עיבור-יאר ניט נאר ממלא דעם חסרון פון די פריערדיקע יארן, נאר ער גיט נאך אן "אדרויף" אויך להבא.

דערפון קומט אויס, אז וויבאלד דער יאר האט מערערע טעג, דארף במילא צוקומען א הוספה אין דער עבודה פון א אידן, ניט נאר בכמות, נאר אויך באיכות, ביז - אז דאס דארף (אמאל) אויך זיין א הוספה וואס גיט צו אין דער עבודה אין דעם קומענדיקן יאר.

נאך אן ענין מיוחד אין דעם יאר איז מרומז אין זיין מספר (לבריאת העולם) - "תשמ״ט". וואס דאס איז מרמז אויף דעם ענין פון "תשמט ידיך", אז דער איבערשטער איז משמט אלע חובות פון אידן, במילא בלייבט נאר איבער די עבודה באופן פון חידוש והוספה (מער וויפל מ׳איז מחוייב).

ויש לומר אז דאס איז אויך מרומז אין די ראשי תיבות פון תשמ״ט: דער ת״י איז ר״ת תשובה, וואס איז ניט בלויז משלים וואס פעלט, נאר גיט צו אויך א הוספה ושלימות וחידוש אין דער עבודה; און ער איז אויך ר״ת "תהא", און דער המשך שמ״ט - "(תהא) שנת משיח-טובה", ד.ה. אז נוסף צו שלימות הטוב פון משיח מצ״ע, קומט נאך צו א הגספה אז דאס איז "משיח-טובה".

ויש להוסיף, און דאס איז דער ענין פון תשובה, וועלכע טוט אויך אז די מעשים פון א אידן (מעשה המצוות) זאלן זיין "מעשים טובים", טובים ומאירים. ד.ה. אז נוסף צו דער טוב אין מעשה המצוות מצ״ע, טוט אויך תשובה א (הוספה) בטוב, אז זיי זאלן זיין טובים ומאירים.

דערפון אלעם איז מובן, אז אין דעם יאר במיוחד איז מתאים אז עס זאל צוקומען א הוספה א דבר חדש אין דער עבודה פון אידן.

„(תהא) שנת מעשים טובים, שנת משיח טובה", ד.ה. אַז נוסף צו שלימות הטוב פון משיח מצ״ע, קומט נאָך צו דורך מעשים טובים פון אידן — אַ הוספה אַז דאָס איז אין משיח׳ס יאָרן עצמן אַ ספעציעל „שנת משיח טובה".

און דאָס איז דאָך די פעולה פון תשובה, וועלכע טוט אויף אַז די מעשים פון אַ אידן (מעשה המצוות) זאָלן זיין „מעֲשים טובים"[8], טובים ומאירים[9]. ד.ה. אַז נוסף צו דער טוב אין מעשה המצוות מצ״ע, טוט אויף תשובה אַ חידוש (הוספה) בטוב, וואָס בערכה זיינען די מעשים ביז דאַמאָלס מעשים סתם און דורך דער תשובה ווערן זיי טובים ומאירים.

דערפון אַלעם איז מובן, אַז אין דעם יאָר במיוחד איז מתאים אַז עס זאָל צוקומען (אַ הוספה) אַ דבר חדש אין דער עבודה פון אידן.

ב. בשעת מ׳טראַכט זיך אַריין אין דעם אינהאַלט פון דער עבודה פון אידן במשך חודש תשרי — קען מען אַרויסנעמען אַ אַ חידוש וועלכע מ׳קען טאָן דעם יאָר ספעציעל.

אין אָנהויבס פון יעדן יאָר (אין חודש תשרי) איז אונטערשטראָכן דער ענין פון „בנין" אין דער עבודה רוחנית פון אידן, כמבואר אין ספר קבלה וחסידות[10] — אַז דאַמאָלס טוען אידן בנין המלכות, אָנהויבנדיק פון ראש השנה וואָס זיין אינהאַלט באַשטייט פון „תמליכוני עליכם"[11] (קרוינען דעם אויבערשטן אַלס מלך), און דערנאָך אין די עשרת ימי תשובה (ביז סיומם — בערב יום הכפורים און יום הכפורים) בויט מען אויף די עשר ספירות פון מלכות.

ובעבודת האדם: אין די עשרת ימי תשובה, אָנהויבנדיק פון ראש השנה און פאַרענדיקט ביוהכ״פ, דאַרף אַ איד מקבל זיין עול מלכות שמים מיט זיינע עשר כחות הנפש[12], יעדער טאָג פון די עשרה ימים דאַרף ער אָננעמען קבלת עול מלכות שמים בכלל און אין צוגאָב דערצו בפרט — דעם באַטרעפנדן כח וועלכער איז פאַרבונדן מיט דעם טאָג — אַזוי אַז במשך די עשרה ימים בויט ער אויף אַ גאַנצע „בנין" (ופרצוף), זיין גאַנצע מציאות (אַלע עשר כחות), וועלכע איז דורכגענומען מיט קבלת עול מלכות שמים, דער ביטול צו מלך מלכי המלכים הקב״ה.

און נאָך יום הכפורים דאַרף דער „בנין" אָנהויבן נמשך ווערן בגלוי ובפנימיות, אָנהויבנדיק אין די ד׳ ימים צווישן יום כפור און חג הסוכות, וועלכע זיינען כנגד[13] די ד׳ אותיות פון שם הוי׳[14], אין וועלכע עס ווערט אויסגעשטעלט און אויף וועלכע עס ווערט אויפגעבויט דער בנין פון גאַנץ סדר השתלשלות פון דער וועלט, ועד״ז דער סדר השתלשלות פון דעם „עולם קטן"

8) אבות פ״ד מי״ז.

9) ראה לקו״ת מטות פב, א. דרושי שמע״צ פה, ד. שה״ש יז, א. ועוד.

10) פע״ח שער ר״ה. שער הכוונות דרושי ר״ה. סידור האריז״ל סדר עש״ת. לקו״ת נצבים נא, א ואילך. ובכ״מ.

11) ר״ה טז, א. לד, ב.

12) שנשתלשלו מעשר ספירות העליונות (תניא רפ״ג).

13) אגרות קודש כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע ח״א ע׳ קצד. ח״ג ע׳ תפג. סה״מ תשי״א ע׳ 42.

14) והרי יוהכ״פ הוא בבחי׳ „לפני הוי׳ תטהרו", למעלה משם הוי׳, שהלמעלה מאיר באופן של מקיף, ואח״כ נמשך בפנימיות בד׳ אותיות דשם הוי׳ כו׳.

-2-

ב. בשעת מ'טראכט זיך אריין אין דעם אינהאלט פון דער עבודה פון אידן במשך חודש תשרי - קען מען ארויסנעמען א חידוש וועלכע מ'קען צוגעבן דעם יאר ספעציעל:

אין אנהויבס פון יעדן יאר (אין חודש תשרי) איז אונטערשטראכן דער ענין פון "בנין" אין דער עבודה רוחנית פון אידן, כמבואר אין ספרי קבלה וחסידות - אז אין תחלת השנה טוען אויף אידן בנין המלכות, אנהויבנדיק פון ראש השנה וואס עבודתו באשטייט פון "תמליכוני עליכם" (קרוינען דעם אויבערשטן אלס מלך), און דערנאך אין די עשרת ימי תשובה (ביז סיומם - בערב יום הכפורים און יום הכפורים) בויט מען אויף די עשר ספירות פון מלכות.

ובעבודת האדם: אין די עשרת ימי תשובה, אנהויבנדיק פון ראש השנה און פארענדיקט ביוהכ"פ, דארף א איד מקבל זיין עול מלכות שמים מיט זיינע עשר כחות הנפש, יעדער טאג פון די עשרה ימים דארף ער אננעמען קבלת עול מלכות שמים און דאס דארף דורכנעמען דעם באטרעפנדן כח וואס איז כנגד דעם טאג - אזוי אז לאחרי די עשרה ימים בויט ער אויף א גאנצן "בנין" (ופרצוף), זיין גאנצע מציאות (אלע עשר כחות), וועלכע איז דורכגענומען מיט קבלת עול מלכות שמים, דער ביטול צו מלך מלכי המלכים הקב"ה.

און נאך יום הכפורים דארף דער "בנין" אנהויבן נמשך ווערן ובפנימיות, אנהויבנדיק אין די ד' ימים צווישן יום כפור און חג הסוכות, וועלכע זיינען כנגד די ד' אותיות פון שם הוי', אין וועלכע עס ווערט אויסגעשטעלט און אויף וועלכע אויפגעבויט ומיוסד דער בנין פון גאנץ סדר השתלשלות, ועד"ז דער סדר השתלשלות פון דעם "עולם קטן" זה האדם (זיינע עשר כחות הנפש).

און דערנאך קומט אראפ דער "בנין" מער בגילוי אין די שבעת ימי הסוכות, ביז - אין אן אופן של קליטה בפנימיות אין שמיני עצרת (ושמחת תורה), ווען מ'גייט אריין (צוריק) אין א דירת קבע (משא"כ בחג הסוכות - איז מען אין א סוכה, דירת עראי),

על מנת אז מ'זאל דערפון נעמען כח אויף דער עבודה פון אויפבויען דעם "בנין" פון א אידישן לעבן און שטוב במשך כל השנה כולה - א מקום קבוע ודירת קבע פאר דעם אויבערשטן, א משכן ומקדש לה', אויף וועלכע ער זאגט "ושכנתי בתוכם".

ג. עפ"ז איז פארשטאנדיק דער דבר חדש וואס מ'קען צוגעבן דעם יאר:

פון דעם ענין הבנין אין רוחניות (בנין המלכות) - די עבודה פון התחלת כל שנה חדשה - ווערט אזוי נשתלשל אויך אין גשמיות העולם, אז אין חידוש גופא איז דער שלימות החידוש וואס א איד (א בשר ודם) קען אויפטאן - אין דורך אויפבויען א בנין חדש, וואס א בית איז א דבר קבוע, ניט קיין צייט-ווייליקע זאך, נאר א זאך וואס באווייזט אז מ'באזעצט זיך פולשטענדיק אין דעם ארט,

וע"ד ווי אין דעם "בנין" בחודש תשרי איז דער סדר פריער בנין המלכות באופן של מקיף, און דערנאך קומט עס אראפ בפנימיות אין די ד' אותיות פון שם הוי', און אין סוכות און שמע"צ (ושמח"ת) - אזוי

משיחות
ח', ט' וי"א
תשרי
תשמ"ט



זה האדם[15] (זיינע כחות הנפש ואברי הגוף).

און דערנאך קומט דער „בנין" נאך מער בגילוי אין די שבעת ימי הסוכות, ביז — אין אן אופן פון א בית און קליטה בפנימיות בשמיני עצרת (ושמחת תורה), ווען מ'גייט אריין (ע"פ שו"ע, תורה) אין א דירת קבע (משא"כ בחג הסוכות — איז מען אין א סוכה, דירת עראי),

על מנת אז מ'זאל דערפון נעמען כח אויף דער עבודה פון אויפבויען דעם „בנין" פון א אידישן לעבן טאג טעגלעך במשך כל השנה כולה — זיין הארץ, ער איינגאנצן מיט אלעם וואס געהערט צו עם ווערט א מקום קבוע ודירת קבע פאר דעם אויבערשטן, א משכן ומקדש לה', אויף וועלכען השם זאגט „ושכנתי בתוכם"[16].

ג. עפ"ז איז פארשטאנדיק דער דבר חדש אויף צוגעבן דעם יאר:

פון דעם ענין הבנין אין רוחניות (ווי געזאגט פריער) — די עבודה פון התחלת כל שנה חדשה — ווערט אזוי נשתלשל: קומט עס אראפ אויך אין גשמיות העולם, אז אין חידוש גופא איז דער שלימות החידוש פון א איד (א בשר ודם) — דורך אויפבויען א בנין חדש, וואס א בית איז א דבר קבוע, ניט קיין צייטווייליקע זאך, נאר א זאך וואס באווייזט אז מ'באזעצט זיך פולשטענדיק אין דעם ארט.

ועי"ד ווי אין דעם „בנין" בחודש תשרי איז דער סדר פריער בנין באופן של מקיף, און דערנאך קומט עס אראפ בפנימיות דורך און אין די ד' אותיות פון שם הוי', און בסוכות און ב(בית) שמע"צ (ושמח"ת) — אזוי איז דאס אויך משתלשל אין א בנין גשמי, פריער בויט מען דעם בנין (בכלל), דערנאך די צימערן אינעווייניק (פנימיות[17]), און דערנאך נוצט מען די צימערן אויף די פארשידענע זאכן אויף וועלכע זיי זיינען באשטימט.

ובנוגע צו אידן מיינט דאס, אז מ'בויט און שטעלט אויף א בית קבוע, וועלכע איז מלכתחילה א בית של קדושה — א בית תורה, תפלה וצדקה, אדער א בית של רשות (אדער בכלל א בית פרטי) וועלכע מ'נוצט לשם שמים, און אויף עניני קדושה. טוט מען דורך דעם אויף אז די תורה ומצוות וקדושה בכלל ווערן ביי אים אין אן אופן של קביעות.

ד. דעריבער איז מען מציע (און ווי מ'האט שוין אנגעהויבן רעדן בסיום שנה שעברה[18]) — צו באשטימען דעם קומענדיקן יאר אלס „שנת בנין", „א יאר פון בויען" — בכל מקום ומקום זאל מען בויען (אדער קויפן) נייע בנינים.

אנהויבנדיק ובמיוחד בנוגע צו מוסדות בכל מקום שהם, אז די מוסדות וועלכע האבן נאך ניט אן אייגענעם בנין, זיי דינגען א בנין — זאלן זיי דעם יאר בויען א נייעם אייגענעם בנין, אדער (בכדי דאס ערליידיקן נאך שנעלער) — קויפן אן אייגענעם בנין.

---

15) תנחומא פקודי ג. תקו"ז תס"ט (ק, ב). ועוד.

16) תרומה כה, ח.

17) ויש לומר שמד' אותיות שם הוי' נשתלשל כו"כ עד ש(ע"פ דין) בית שיש בו ד' אמות על ד' אמות הוא ראוי לדירת אדם, ואם אין שיעור זה אינו ראוי לדירת אדם ואינו בכלל בית (סוכה ג, ב), והענין דד' כתלים וכו'.

18) ראה בארוכה שיחת ש"פ תבוא תשמ"ח (סה"ש תשמ"ח (קה"ת, תשמ"ט) ח"ב ע' 640 ואילך).

משיחות ח', ט' וי"א תשרי תשמ"ט

איז דאס אויך, אין א בנין גשמי, אז פריער בויט מען דעם בנין (היקף), דערנאך די צימערן אינעווייניק (פנימיות), און דערנאך נוצט מען די צימערן אויף די פארשידענע זאכן אויף וועלכע זיי זיינען באשטימט.

ובנוגע צו אידן מיינט דאס, אז מ'בויט און שטעלט אויף א בית קבוע, וועלכע איז לכתחילה א בית של קדושה - א בית תורה, תפלה וצדקה, אדער אפ בית של רשות (א בית פרטי) וועלכע מ'נוצט אויף ענינ' קדושה - לשם שמים. טוט מען דורך דעם אויף אז די תורה ומצוות וקדושה ווערט ביי אים אין אן אופן של קביעות.

ד. דעריבער איז מען מציע (און ווי מ'האט שוין אנגעהויבן רעדן בסיום שנה שעברה) - צו באשטימען דעם קומענדיקן יאר אלס "שנת הבנין", אז בכל מקום ומקום זאל מען בויען (אדער קויפן) נייע בנינים.

אנהויבנדיק ובמיוחד בנוגע צו מוסדות בכל מקום שהם, אז די מוסדות וועלכע האבן נאך ניט אן אייגענעם בנין, זיי דינגען א בנין - זאלן זיי דעם יאר בויען א נייעם אייגענעם בנין, אדער (בכדי דאס ערליידיקן נאך שנעלער) - קויפן אן אייגענעם בנין.

וואס דאס וועט צוגעבן אין די קביעות ותוקף פון אלע פעולות פון די מוסדות, ובאופן פון מוסיף והולך ואור.

ועוד וגם זה עיקר: בכדי אז די בנינים זאלן ארויסרופן נאכמער הוספה וחיבש אין די פעולות פון מוסדות, אז מ'זאל טאן אלץ מערער און מערער (וואס דאס איז די כוונה פון שאפן די בנינים) - איז אויף דעם אן איינפאכע עצה, אז מ'זאל שאפן א בנין וועלכער איז גרעסער פון דעם וואס מ'דארף פראקטיש גלייך האבן בהוה, וועט דאס גופא ארויסרופן פון יעדער אמת'ער בעל-הבית און עסקן, אז זעענדיק חדרים און צימערן אין דעם בנין וועלכע מ'נוצט דערווייל ניט, איז א שאד זיי לאזן ליידיק, און מ'וועט זוכן נייע עצות און נייע פעולות וועלכע מ'קען טאן און דערביי אויסנוצן אויך די "איבעריקע" חדרים!

ביז אז דאס וועט נאך ארויסופן, אז בעתיד זאל מען דארפן צובויען נאך חדרים, אדער קויפן (בויען) א צווייטן בנין, א.א.וו.

ה. דערביי איז נוגע אונטערשטרייכן, אז די אחריות וזכות אין דעם ליגט ניט נאר אויף די הנהלות המוסדות און די שלוחים בכל מקום ומקום, נאר אויך אויף די בעלי בתים און בעלי עסק אין די ערטער. און ניט נאר אין אן אופן אז זיי העלפן ארויס די מוסדות צו שאפן און קויפן די בנינים, נאר - זיי ווערן אין דעם שותפים, ע"ד די שותפות פון יששכר און זבולון.

עלי הגהה - ע' 3

וואָס דאָס וועט צוגעבן אין דער קביעות ותוקף פון אַלע פעולות פון די מוסדות, ובאופן פון מוסיף והולך ואור.

ועוד וגם זה עיקר: בכדי אַז די בנינים זאָלן אַרויסרופן נאָכמער הוספה ומרץ אין די פעולות פון מוסדות, אַז מ׳זאָל טאָן אַלע מערער און מערער (וואָס דאָס איז די כוונה פון שאַפן די בנינים) — איז אויף דעם אַן איינפאַכע עצה, אַז מ׳זאָל שאַפן אַ בנין וועלכער איז גרעסער פון דעם וואָס מ׳דאַרף פּראַקטיש גלייך האָבן בהוה, וועט דאָס גופא אַרויסרופן פון יעדער אמת׳ער בעל־הבית און עסקן, אַז זעענדיק חדרים און צימערן אין דעם בנין וועלכע מ׳נוצט דערווייל ניט, איז אַ שאָד זיי לאָזן ליידיק, און מ׳וועט זוכן נייע עצות און נייע פעולות וועלכע מ׳קען טאָן און אויסנוצן אויף די „איבעריקע״ חדרים!

ביז אַז דאָס וועט אַרויסרופן, אַז בעתיד (הקרוב) זאָל מען דאַרפן צובויען נאָך חדרים, אָדער קויפן (בויען) אַ צווייטן בנין, א.א.וו.

ה. דערביי איז נוגע אונטערשטרייכן, אַז די אחריות וזכות אין דעם ליגט ניט נאָר אויף די הנהלות המוסדות און די שלוחים בכל מקום ומקום, נאָר אויך אויף די בעלי בתים און בעלי עסק אין די ערטער, און ניט נאָר אין אַן אופן אַז זיי העלפן אַרויס די מוסדות צו שאַפן און קויפן די בנינים, נאָר — זיי ווערן אין דעם שותפים, ע״ד די שותפות פון ישׂשכר און זבולון[19].

ואדרבה: וויבאַלד אַז די בעלי בתים ובעלי עסק האָבן ערפאַרונג און האָבן מצליח געווען אין מאַכן געלט און שאַפן די מיטלען, און בעיקר — אין דער וועג ווי צו נוצן די מיטלען אויף אַ גוטן אופן און אויף גוטע זאַכן (משא״כ די מנהלי המוסדות האָבן ניט דעם זעלבן נסיון) — זיינען זיי נאָך מער מומחים צו מאַכן די החלטות, וועלכן בנין צו קויפן, די פּרייז וואָס מ׳דאַרף פאַר דעם צאָלן וכו׳ וכו׳.

נוסף לזה: די מנהלי המוסדות האָבן גענוג טרדות ווי צו שאַפן געלט פאַר זייערע פעולות הרגילות ובכלל הפעולות עד עתה, מוזען קומען כמה וכמה וועלכע וועלן זיך פאַרנעמען מיט די נייע פעולות, בויען און קויפן נייע בנינים.

ו. ע״ד ווי מוסדות דאַרפן באַשטימען דעם יאָר אַלס „שנת בנין״, עד״ז איז כדאי אַז אַזוי זאָל זיין אויך בא יחידים, אַז יחידים אחד ואחת בעניניים שלו, אפילו בעניני רשות [וואָס אויך רשות נוצט אַ איד לשם שמים] — זאָל בויען (אָדער קויפן) נייע בנינים, אָדער פאַרברייטערן די בנינים וועלכע זיי האָבן שוין (צובויען חדרים וכיו״ב).

[ועד״ז איז דאָס אויך שייך צו טף — וועלכע קענען בעטן בא די עלטערן צו מוסיף זיין (אָדער מרחיב זיין) אַ חדר, וכיו״ב].

נוסף צו דעם, אַז מ׳זאָל זיך משתדל זיין מאַכן פון זיין בית, פון זיין חדר, די אייגענע ד׳ אמות וכו׳ — אַ משכן ומקדש לה׳, „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, דורך מאַכן דערפון אַ בית (וחדר של) תורה תפלה וצדקה.

כולל ובמיוחד — דורך צוקלאַפּן און צובויען אין שטוב (ומה טוב — אויך אין

19) זבולון לחוף ימים ישכון ויוצא לפרקמטיא בספינות ומשתכר ונותן לתוך פיו של ישׂשכר והם יושבים ועוסקים בתורה כו׳ (פרש״י ברכה לג, יח).

משיחות
ח׳, ט׳ וי״א
תשרי
תשמ״ט

- 4 -

ואדרבה: וויבאלד אז די בעל בתים ובעלי עסק האבן ערפארונג און האבן מצליח געווען אין מאכן געלט און בעיקר - אין דעם וועג ווי צו נוצן די געלט אויף א קלוגן אופן און אויף גוטע זאכן (משא״כ די מנהלי המוסדות האבן ניט דעם זעלבן נסיון) - זיינען זיי מער פאסיק צו מאכן די ריכטיקע החלטות, וועלכע בנין צו קויפן, דער ריכטיקער פרייז וואס מ׳דארף אנוף דעם צאלן וכו׳ וכו׳.

נוסף לזה; אז די מנהלי המוסדות האבן געוונג דאגות ווי צו שאפן געלט פאר זייערע פעולות עד עתה, און דערצו וועלן זיי דאך זיין די וועלכע וועלן זיך פארנעמען מיט די נייע פעולות אין די נייע בנינים - דארף מען דיכער שטארקער ארויסהעלפן בנוגע צו בויען און קויפן נייע בנינים.

ו. ע״ד ווי מוסדות דארפן באשטימען דעם יאר אלס ״שנת הבנין״, ער״ז איז כדאי אז אזוי זאל זיין אויך בא יחידים, אז כל אחד ואחת בעניניט שלו, אפילו בעניני רשות [וואס אויך רשות נוצט א איד לשם שמים] - זאל בויען (אדער קויפן) נייע בנינים, אדער פארברייטערן די בנינים וועלכע זיי האבן שוין (צובויען חדרים וכיו״ב).

[ועד״ז איז דאס אויך שייך צו טף - וועלכע קענען בעטן בא די עלטערן צו מוסיף זיין (אדער מרחיב זיין) א חדר, וכיו״ב].

נוסף צו דעם, אז מ׳זאל זיך משתדל זיין מאכן פון דעם בית, דעם אייגענעם חדר, די אייגענע ד׳ אמות וכו׳ - א משכן ומקדש לה׳, ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, דורך מאכן דערפון א בית (וחדר של) תורה תפלה וצדקה.

כולל ובמיוחד - דורך צוקלאפן און צובויען אין שטוב (ומה טוב - אין קיך) א צדקה-פושקע, וועלכער מאכט דעם שטוב פאר א בית של צדקה (כמדובר לאחרונה בארוכה).

ז. זעלבספארשטאנדיק, אז דאס אלעם איז נוגע צו מוסדות ויחידים בכל מקום שהם, סיי אין חוץ לארץ, על אחת כמה וכמה אין ארץ הקודש, וואס דארטן האבן די בנינים נאכמער קביעות, ווייל זיי וועלן דעמולט אלעמאל בלייבן, אויך נאך ביאת המשיח, משא״כ די אין חוץ לארץ וועלן נעתק ווערן ממקומם און גענומען ווערן אין ארץ ישראל בגאולה העתידה.

ח. יש להוסיף, אז דער ״שנת בנין״ האט א שייכות מיוחדת צו ישיבות און תלמידי הישיבה, ובמיוחד - תלמידי ישיבת תומכי תמימים,

ווארום דער ענין פון א ״ישיבה״ איז כשמה - א מקום קבוע ובהתיישבות אויף לימוד התורה.

וכמובן, אז דאס איז כולל סיי די ישיבה המרכזית, און סיי די סניפי הישיבה בכל מקום שהם.

ואדרבה: ס׳איז דא א מעלה אין א סניף לגבי די ישיבה מרכזית, מצד דעם וואס דאבטן איז ניטא קיין ״שרגא בטיהרא״. און ס׳איז דארטן דא די עבודה בכח עצמו. און נאכמער: די סניפי הישיבה גיבן נאך צו א הוספה וחידוש אין דער ישיבה המרכזית (ע״ד ווי מתלמידי יותר מכולם).

קיך) אַ צדקה־פושקע, וועלכער מאַכט די שטוב פאַר אַ בית של צדקה (כמדובר לאחרונה בארוכה).

ז. זעלבסטפאַרשטאַנדיק, אַז דאָס אַלעם איז נוגע צו מוסדות ויחידים בכל מקום שהם, סיי אין חוץ לארץ, סיי בארץ.

אָבער על אחת כמה וכמה אין ארץ הקודש, וואָס דאָרטן האָבן די בנינים נאָכמער קביעות, ווייל זיי וועלן דאָרט בלייבן אויך נאָך ביאת המשיח, משא״כ די בתים אין חוץ לארץ וועלן נעתק ווערן ממקומם און גענומען ווערן אין ארץ ישראל בגאולה העתידה[20].

ח. יש להוסיף, אַז דער „שנת בנין" האָט אַ שייכות מיוחדת צו ישיבות און תלמידי הישיבה,

וואָרום דער ענין פון אַ „ישיבה" איז כשמה — אַ מקום קבוע ובהתיישבות אויף לימוד התורה.

וכמובן, אַז דאָס איז כולל סיי די ישיבה המרכזית, און סיי די סניפי הישיבה בכל מקום שהם. ואדרבה: ס׳איז דאָס אַ מעלה אין אַ סניף לגבי די ישיבה מרכזית, מצד דעם וואָס בסניף איז ניטאָ קיין „שרגא בטיהרא", ס׳איז דאָרטן דאָ די עבודה בכח עצמו. און נאָכמער: די סניפי הישיבה גיבן נאָך צו אַ הוספה וחידוש אין דער ישיבה המרכזית (ע״ד ווי מתלמידי יותר מכולם[21]).

האָבן די תלמידי הישיבה די הוראה און נתינת כח מיוחדת אין דעם „שנת בנין" — לכל לראש, צו „אויפבויען" נייע תלמידים[22], ובמיוחד — צו פאַר־שטאַרקען דעם זיין „נרות להאיר",

ועוד ועיקר: די ישיבות און סניפי הישיבה זאָלן אויפפעפענען נאָך סניפים, און יעדער סניף — זאָל צוגעבן נאָך סניפים.

וואָס דאָס אַלץ וועט צוגעבן נאָכמער אין דעם תלמיד (דער נר להאיר) אַליין און אין דער ישיבה המרכזית — ע״ד מתלמידי יותר מכולם.

ט. די הוספה אין די אַלע פעולות, און במיוחד אין באַשטימען דעם יאָר אַלס „שנת בנין" — וועט זיכער צוגעבן אין ברכת ה׳ פאַר אַ חתימה וגמר חתימה טובה צו יעדער אידן בתוך כלל ישראל.

ביז אַז דאָס וועט נאָכמער ממהר זיין דער בנין בית העיקרי — בית המקדש השלישי, מקדש אד׳ כוננו ידיך[23], בגאולה האמיתית והשלימה, ביז אַז מ׳וועט זען בגלוי ווי די גאַנצע וועלט איז אַ דירה (בית קבוע) לו יתברך.

און מ׳וועט אַלע צוזאַמען פראַווען דעם חג הסוכות ושמע״צ ושמח״ת, בשמחה גדולה, ובשמחת עולם על ראשם[24].

20) מגילה כט, א.

21) תענית ז, א.

22) והרי כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו (סנהדרין יט, ב. פרש״י במדבר ג, א).

23) בשלח טו, יז ובפרש״י.

24) ישעי׳ לה, י. נא, יא.

משיחות ח', ט' וי"א תשרי תשמ"ט

האבן די תלמידי הישיבה די הוראה און נתינת כח מיוחדת אין דעם "שנת בנין" - לכל לראש, צו "אויפבויען" נייע תלמידים, ובמיוחד - איז דאס דער תפקיד פון תלמידי תומכי תמימים, וואס ענינם איז צו זיין "נרות להאיר",

ועוד ועיקר: די ישיבות און סניפי הישיבה זאלן אויפעפענען נאך סניפים, און יעדער סניף - זאל צוגעבן נאך סניפים.

וואס דאס וועט אלץ צוגעבן אין דעם תלמיד (דער נר להאיר) אליין און אין דער ישיבה המרכזית - ע"ד מתלמידי יותר מכולם.

ח. די הוספה אין די אלע פעולות, און במיוחד אין באשטימען דעם יאר אלס "שנת בנין" - וועט זיכער צוגעבן אין ברכת ה' פאר א חתימה וגמר חתימה טובה צו יעדער איינעם בתוך כלל ישראל.

ביז אז דאס וועט נאכמער ממהר זיין דער בנין בית העיקרי - בית המקדש השלישי, מקדש אד' כוננו ידיך, בגאולה האמיתית והשלימה, ביז אז מ'וועט בגלוי ווי די גאנצע וועלט איז א דירה (בית קבוע) לו יתברך.

און מ'וועט דארפן אלע צוזאמען פארבריינגען דעם חג הסוכות ושמע"צ ושמח"ת, בשמחה גדולה, ושמחת עולם על ראשם.

------ * ------

1) ובכל שנה יורד אור חדש שלא הי' מאיר עדיין מעולם אור עליון כזה (אגה"ק סי"ד).

6) ובדיוק - שפ"ג יום. וי"ל שזה מרמז על העבודה באופן של "פגש", פגישת ישראל א' עם חבירו, "אחד באחד יגשו ואיש לא יפריד ביניהם" (איוב מא, ח) - אהבת ואחדות ישראל. ובעבודה - פגישת יהודה ויוסף, תלמוד ומעשה (ראה תו"א ר"פ ויגש).

14) והרי יוהכ"פ הוא בבחי' "לפני הוי' תטהרו", למעלה משם הוי', שמאיר באופן של מקיף, ואח"כ נמשך בפנימיות בד' אותיות דשם הוי' כו'.

17) ויש לומר שמד' אותיות שם הוי' נשתלשל שע"פ דין בית שיש בו ד' אמות על ד' אמות הוא ראוי לדירת אדם, ואם אין שיעור זה אינו ראוי לדירת אדם ואינו בכלל בית (סוכה ג, ב), כתלים וכו'.

19) זבולון לחוף ימים ישכון ויוצא לפרקמטיא בספינות ומשתכר ונותן לתוך פיו של יששכר והם יושבים ועוסקים בתורה כו'.

22) והרי כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו ().

## מכתב כ״ק אדמו״ר (מוהריי״צ) נ״ע לסבא רבא של הכלה מער״ה תש״י ובו הוסיף בכתב יד קדשו ״בגשמיות וברוחניות״

יוסף יצחק שניאורסאהן
ליובאוויטש

RABBI J. SCHNEERSOHN
OF LUBAWITZ
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
SLOCUM 6-2919

ב״ה, ער״ה תש״י.
ברוקלין

אל התלמיד הי״א מו״ה
יהושע שי׳ ראסקין

שלום וברכה.

לקראת השנה החדשה הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, הנני מברך אותו בתוככי כלל אחב״י ובתוך כללות אנ״ש, ה׳ עליהם יחיו, בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

הדו״ש ומברכם

בגשמיות וברוחניות

מכתב
כ"ק אדמו"ר
מוהריי"צ
ער"ה תש"י

## מכתב כ"ק אדמו"ר (מוהריי"צ) נ"ע לסבא רבא של החתן מער"ה תש"י ובו הוסיף בכתב יד קדשו "בגשמיות וברוחניות"



יוסף יצחק שניאורסאהן
ליובאוויטש

RABBI J. SCHNEERSOHN
OF LUBAWITZ
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
SLOCUM 6-2919

ב"ה, ער"ה תש"י.

ידידי וו"ח אי"א מוהר"ר
אבא שי' לעווין

שלום וברכה.

לקראת השנה החדשה הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, הנני מברך אותו ואת ב"ב יחיו בברככי כלל אחב"י ובתוך כללות אנ"ש, ה' עליהם יחיו, בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

הדו"ש ומברכם

בגשמיות וברוחניות

## מכתב כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א ע"ד שחיטה
## ובו הוסיף קו – בכתב יד קדשו – והדגיש 'א רב ספעציעל'
## אודות הסבא רבא של הכלה

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקווי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, י"ד אלול תשי"ג
ברוקלין.

הוו"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ
איש רב פעלים מר בריסקא שי'

שלום וברכה!

איך האב נאר וואס באקומען אייער בריף פון 19/8, און אום ניט צו אפהאלטען דעם ענטפער ביזן צוריקקומען פון מיין ענגלישען סעקרעטאר (וועלכער איז אויף וואקיישאן) ענטפער איך אין אידיש.

איר שרייבט אין אייער בריף וועגען דער שוחטים פראגע פאר דובלין. עס וואונדערט מיך דאס, ווארום לויט דעם בריף פון הרה"ג הרה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ מוה"ר בנימין שי' גאראדעצקי האט ער איך געשריבען פון לאנג וועגען דעם, און לויט זיין מיינונג איז דער בעסטער קאנדידאט פאר דעם, הש"ב מוה"ר דובער שי' לעווין. די הויפט זאך פון שוחט איז, אז ער זאל האבען דעם מאקסימום פראקטיקע אין דער ארבעט און אויך אין די פערשידענע פראגען וועלכע זיינען פארבונדען מיט שחיטה ובדיקה, און די אלע אנדערע זאכען זיינען טפל געגען אט דער הויפט זאך. און דעריבער איז דאס וואס איר שרייבט אין אייער בריף, אז ער איז ניט צוגעפאסט צו קאמערציעלע זאכען, איז דאס א צווייט ראנגיגע זאך, ווייבאלד אז ער – הש"ב לעווין שי' – איז דער בעסטער קאנדידאט בא דער יעצטיקער לאגע, וואס עס זיינען פאראן זייער ווייניק שוחטים אין אייראפא און ספעציעל שוחטים צוגעפאסטע צו דעם סטאנדארט וואס ליובאוויטש פאדערט.

אויב הש"ב לעווין שי' איז שוין פארנומען אנדערשוואו, איז-בעטראכטענדיק אייער פאל ווי א נויט פאל, און נעמענדיק אין חשבון וואס הרב דר. שיינפעלד שי' האט מיר געשריבען, אז ער וועט מיטשיקען מיט הש"ב הוו"ח אי"א נו"ס ראסקין שי' א רב ספעציעל אין שלאכט הויז אריין, און וויסענדיק פון דעם נאמען לתהלה ותפארת פון די שטאט-רבנים אין דובלין הרה"ג הוו"ח אי"א נו"ס כו' וכו' הרב יעקבאוויטש און הרב אלוני שי', וועל איך מסכים זיין אז הש"ב ראסקין שי' זאל פארען לדובלין.

המחכה לבשורות טובות, וחותם דכדוב
ובברכת כתיבה וחתימה טובה

חן חן על השתתפותכם בשמחתנו
בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה
שנת גאולה וישועה וקבלת פני משיח צדקנו
בגאולה האמיתית והשלימה נאו!

Thank you for joining us in our Simcha.
Wishing you a Happy, Healthy and Sweet New Year.
May we merit to see the fulfillment
of the prophecy "Behold Moshiach is here",
with the Hisgalus and the ultimate Redemption now!